STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05749

FORN IDN KEYN YISROEL

Aaron Alperin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אהרן אַלפּערין

פֿאָרן אײדן קײן ישׂראל

מיטן שטראָם פֿון דער עליה

הסתדרות הציונית העולמית — מחלקת העליה
ירושלים תשכ״ז

FORN IDN KEIN ISROEL

Jews on the March to Israel

By AARON ALPERIN

בדפוס האחים
שולזינגער נוא-יארק, נ.י.

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROTHERS, INC.
21 East 4th Street, New York, N. Y. 10003
253

לזכר אבי מורי זצ"ל

מיין מחנך און מדריך

אין ציוניזם

אינהאַלט:

הקדמה . . . . ש. ז. שרגאי 5
קורצער אַריינפיר פון מחבר 7
אויפן וועג מיט אידן וואָס פאָרן אַהיים 9
טרערן פון פרייד 14
ניי-געפונענע ברידער 19
אויף אַ שיף מיט נייע עולים 25
די ערשטע שעהן אין ישראל 28
מיט די זעלבע עולים אַ יאָר שפּעטער 33
צווישן קינדער פון נייע עולים אין נגב 38
אין ישובים פון נייע עולים אין טיפן מדבר 43
מיט עולים פון אינדיע, קאָטשין, איראַק, איראַן 48
דער נייער דור פון די עדות המזרח 53
אידישע און אַראַבישע קינדער 59
דאָס ליד פון אַ אינגל און אַ מיידל אויפן באַרג גלבוע 64
איינער פון 110,000 איינזאַמע קינדער 69
אַ מעשה נורא מיט אַ אינגל און אַ הונט 74
אַ רייזע אַרום ים כנרת — „ממשיכים“! 79
אין כפר חב״ד 84
ביי די נייע בויער פון גליל 89
דער גרויסער וואונדער אין מדבר יהודה 94
שיבת ציון אין אונזערע טעג 98

**
*

„פאַרן אידן קיין ישראל" איז נישט קיין נייעס. אין אַלע דורות זיינען אידן געפאָרן נאָך ארץ־ישראל, ווייל זיי האָבן גע־פילט פאַר זייער רעליגיעזן־נאַציאָנאַלן חוב, אַז עס זאָל ניט אַוועק־גיין קיין איינציקער דור אין וועלכן עס זאָלן נישט זיין קיין אידן אין ארץ־ישראל, אַז די ניט־אידן זאָלן נישט קאָנען טענה'ן, אַז מיר האָבן אַמאָל אין דער היסטאָריע מוותר געווען אויף ארץ־ישראל. די אידן וועלכע זיינען געזעסן אין ארץ־ישראל אין אַלע דורות זיינען געווען די „שומרי החומות" און דער אייביקער היס־טאָרישער אידישער פּראָטעסט קעגן אַלע און אַלע דורות, וועלכע האָבן געהאַלטן אָקופּירט ארץ־ישראל און נישט געלאָזט דאָרט די אידן לעבן זייער אייגנאַרטיק לעבן אין זייער זעלבסטשטענדיקער און אומאָפּהענגיקער מלוכה.

די עליה־אידן האָבן פאַרפעסטיקט אונזערע טענות אויף אינעם לעצטן דור וועגן אונזערע היסטאָרישע רעכט אויף ארץ־ישראל און אין ארץ־ישראל.

אויך די חיבת־ציון באַוועגונג, דער פּאָליטישער ציוניזם, חלו־ציזם, דאָס אויסלייזן דעם באָדן פון ארץ־ישראל דורכן קרן הקימת, דאָס באַזעצן דעם באָדן מיט דער הילף פון קרן היסוד, ביז דעם באַפרייאונגס־קריג אין תש"ח (1948) און די ווידער־אַנטשטייאונג פון אַ אידישער מדינה (מדינת ישראל) אין אַ טייל פון ארץ־ישראל — דאָס אַלץ האָט זיך געקענט שאַפן אַ דאַנק די לעבעדיקע עדות אין אַלע דורות, ווען אידן זיינען שטענדיק געפאָרן נאָך ארץ־ישראל.

**
*

אונזער דור האָט זוכה געווען צו זען ווי אַ מיליאָן און 300,000 אידן זיינען געפאָרן נאָך ארץ־ישראל—מדינת־ישראל, אין דער צייט פון אַכצן יאָר, תש"ח — תשכ"ו. צוזאַמען זיינען היינט דאָ אין מדינת־ישראל צוויי מיליאָן און דריי הונדערט טויזנט אידן. זיי זיינען אָבער נאָר דער „פאָר־פּאָסטן", די חלוצים פון אידישן פאָלק פאַר דעם ווידער־אויפבוי פון מדינת־ישראל. נאָך צוועלף מיליאָן אידן לעבן צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאַנצער וועלט. און

פון זיי זעקס מיליאָן (כן ירבו!) אין אַמעריקע, און בערך דריי מיליאָן אידן אין סאָוועט־רוסלאַנד (כן ירבו!).

***

נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות האָבן מיר זוכה געווען, ברוך השם, אַז די נישט־אידישע וועלט שטערט נישט מער דעם אידישן פאָלק צו זיין אַ פריי פאָלק אין זיין אייגן לאַנד און נישט זיין אַ וואַנדער־פאָלק.

דאָס בוך פון א. אַלפערין „פאָרן אידן קיין ישראל" שילדערט ווי אַזוי אידן האָבן זיך מוסר־נפש געווען אויך אין אונזער תקופה כדי זוכה צו זיין צו קומען קיין מדינת־ישראל; ווי אַזוי די מחלקת העליה פון דער הנהלת הסוכנות היהודית און אירע שליחים האָבן זיך מוסר־נפש געווען צו העלפן אידן אין צוויי זאַכן: אַרויסצוגיין פון דער פרעמד און צו קומען אַהיים קיין מדינת־ישראל.

***

„פאָרן אידן קיין ישראל" איז אַ „קל־וחומר" צו אידן אין אַלע פרייע לענדער, און אין דער ערשטער ריי צו אידן אין אַמע־ריקע, זיי זאָלן גיין נאָך מדינת ישראל און דורכדעם ווערן די מיט־שותפים צו דער באַפרייאונג און אויסלייזונג פון אידישן פאָלק, און גיין נאָך מדינת ישראל, צוריק צו דער מאַמע־ציון.

די אידן פון אַמעריקע, כדי צו גיין קיין מדינת־ישראל, דאַרפן נישט ברענגען אַזוי פיל קרבנות וויפיל עס האָבן געבראַכט די, וועלכע א. אַלפערין שילדערט אין דעם בוך: „פאָרן אידן קיין ישראל". זיי, אַמעריקאַנער אידן, קאָן דאָס אָנקומען פיל גרינגער. טראָץ דעם האָט די ישראל־רעגירונג און די סוכנות היהודית גע־שאַפן פאַרשידענע פאַרלייכטערונגען פאַר יעדן פון די פרייע לענ־דער: אַמעריקע, לאַטיין־אַמעריקע, ענגלאַנד, פראַנקרייך א. אַ. וו. עולה צו זיין נאָך מדינת־ישראל און זיך דאָרט איינאָרדענען.

יעלו ויבואו!

ש. ז. שרגאי

ירושלים, תמוז, תשכ"ו

אַ קורצער אַריינפיר

די שילדערונגען, וואָס ווערן געבראַכט אין דעם ספר, רעדן פאַר זיך אַליין — גלויבט דער מחבר. און דעריבער איז ניט נויטיק מאריך צו זיין מיט דערקלערונגען.

אין דעם בוך „פאָרן אידן קיין ישראל", וואָס ווערט איצט איבערגעגעבן די לייענער, גייען אַריין באַשרייבונגען פון צוויי נסי־עות, פון סוף 1963 און אָנהויב 1965. איך האָב באַגעגנט די עולים אין אייראָפּע און האָב זיי באַגלייט אויף זייער וועג אין אידישן היימלאַנד. שפּעטער האָב איך זיי אויך געטראָפן שוין אין מדינת ישראל, ווען זיי זיינען געקומען אל המנוחה ואל הנחלה. דאָס איז, בקיצור, די טעמע פון דעם בוך.

מיין אייגן געפיל — ביים אַרומפאָרן צווישן די עולים און ביים צוזען אָט די בילדער, וואָס ווערן געשילדערט אין דעם בוך — איז געווען, אַז איך בין אַן עד־ראיה פון אַ געשיכטלעכן פּראָצעס פון דער העכסטער באַדייטונג פאַר אונז און פאַר די קומענדיקע אידישע דורות. און מיין מיינונג איז געבליבן, אַז מען דאַרף וועגן דעם דערציילן: „והגדת לבנך ביום ההוא לאמור".

האָב איך עס געטאָן מיט מיינע באַשיידענע כוחות. דאָס איז דער הויפּט־טעם פון אַרויסגעבן דעם ספר.

בין איך דאַנקבאַר מיין חשוב׳ן פריינט, דעם ציוני ותיק און הוגה דעות, ראש פון דער עליה־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע אין ירושלים און מיטגליד פון דער ציוניסטי־שער וועלט־עקזעקוטיווע, ר׳ שלמה זלמן שרגאי, דעם שריפטשטע־לער בחסד עליון, פאַר דערמוטיקן מיך און העלפן צו פאַרעפנטלעכן מיין בוך „פאָרן אידן קיין ישראל". און מיין טיפסטן דאַנק דריק איך אויס דער עקזעקוטיווע פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַני־זאַציע אין ירושלים פאַר אַרויסגעבן דעם ספר.

אהרן אַלפּערין

ניו־יאָרק, א מנחם־אב, תשכ״ו

אויפֿן וועג מיט אידן וואָס פֿאָרן אַהיים

אין אַ גרויסער אייראָפּעאישער שטאָט מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלן פֿאַרקער, בין איך אין אַ קאַלטן נאָוועמבער־אָוונט געשטאַנען אין אַ ווינקל אויף דעם וואָקזאַל. איך בין דאָרט נישט געווען אַליין. צוזאַמען מיט מיר האָט זיך געפֿונען אַ קליינע גרופּע טייערע אידישע בחורים. זיי האָבן מיך מיטגענומען. צוזאַמען האָבן מיר געוואַרט אויף אידישע וואַנדערערס, וועלכע האָבן געדאַרפֿט אָנקומען מיט דעם נאָענטן באַן־צוג.

זיי קומען־אָן מיט יעדן צוג, אין אָוונט, מען דערזעט עטלעכע אידישע וואַנדערערס אַראָפּגיין. אַמאָל מער, אַמאָל ווייניקער. זיי קומען מיט קלימעקלעך, מיט אַלטע טשעמאָדאַנעס, אויך מיט זעק, אָבער אָרום און אָרום מיט זייער ווייניק, מיט גאָר אַ ביסל אָפּגעטראָגענע זאַכן.

און מען דערקענט זיי גלייך, ווי זיי גייען אַראָפּ פֿון דער באַן. די אידישע בחורים, וואָס קומען יעדן אָוונט אויף דעם וואָקזאַל, דערזעען זיי שוין פֿון דער ווייטנס. און מען רינגלט אָרום די וואַנדערערס מיט וואַרעמקייט, מיט האַרציקייט. אויך זיי דערפֿילן גלייך, אַז זיי זיינען צווישן ברידער, און טוליען זיך צו צו די, וועלכע האָבן געוואַרט אויף זיי. ברידער מיט ברידער באַקענען זיך. און באַלד פֿאַרט מען אַוועק אינאיינעם, שוין אין אַ גאָר אַנדערער שטימונג. אַ שטיין האָט זיך אַראָפּגעקייקלט פֿון האַרצן ביי די, וועלכע איר האָט נאָר־וואָס אויפֿגענומען. איר פֿילט דאָס בחוש, פֿון די ערשטע ווערטער מיט זיי. נישט זעלטן קייקלט זיך אַראָפּ אַ טרער פֿון אַ פֿאַרמאַטערט, בלאַס אויג.

און אַזוי יעדן אָוונט. אידישע וואַנדערערס קומען. ווער עס האָט צוגעזען אַט די פּאַטעטישע סצענעס אויף דעם וואָקזאַל — ווי עס איז געווען מיין זכות זיי צו זען — וועט זיי קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן.

***

זיי קומען — מיט זייערע אויגן געווענדט צו ציון. זיי זיינען ערשט אויף דעם האַלבן וועג. אָבער די וויטערדיקע נסיעה זייערע איז שוין אַ לייכטע, אַן אָנגענעמע, אַ דערמוטיקנדיקע. שוין גלייך דאָ, אויף דעם וואָקזאַל, קומט דער לאַנג־אויסגעקוקטער און אַזוי פֿיל געגאַרטער סוף צו זייער איינזאַמקייט, צו זייער האָפֿענונגסלאָזיקייט, צו זייער היימלאָזיקייט. ווייטער פֿון דאַנען פֿאָרן זיי שוין אַהיים. און געטרייע אידישע ברידער פֿירן זיי, באַזאָרגן זיי מיט אַלעם נויטיקן. וואוילע, טייערע אידישע בחורים — עליה־שליחים פֿון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע — באַגלייטן זיי שוין אויף זייער וויטערדיקן וועג.

בלויז עטלעכע טעג בלייבן זיי דאָ, אין דער שטאָט. זיי ווערן אַריינגעַ־נומען אין אַ צייטווייליקן מקום־מקלט, ביז זיי קומען אַ ביסל צו זיך. און דאַן הויבן זיי אָן זיך אַראָפּצורײדן פון האַרצן, ס'זאָל זיי לייכטער ווערן. זיי ווייסן, אַז זיי הויבן איצט אָן אַ נײַ לעבן, אָבער דאָס אַלטע דריקט נאָך. און מען דערוויסט זיך געשיכטעס, וואָס צום גליק געהערן זיי שוין צו דער פאַרגאַנגענהייט. אָבער ס'איז שוין גאָרנישט אַזוי לייכט זיי אָפּצוטרייסלען פון דעם שווער־באַלאַסטעטן זכרון.

***

איך האָב זיי מיטבאַגלייט פון וואָקזאַל אין אָוונט, אַ צווייטן און אַ דריטן. איך בין אויך געווען מיט זיי אין דעם אָרט, וואו זיי רוען זיך אויס עטלעכע טעג פאַר אַרויסלאָזן זיך אין דער ווייטערדיקער נסיעה, אַהיים קיין מדינת ישראל.

עס קומען קליינע משפחות פון אידישע וואַנדערערס, אַ מאַן מיט אַ פרוי און אַ קינד, העכסטנס צוויי קינדער, און מען נעמט אויף אויך אַ סך, אַ סך עלנטע מענטשן — איינזאַמע פרויען, אַליינגעבליבענע עלטערע מאַנסבילן. האָט מען מיר דערציילט וועגן דעם גורל פון איינער אַן עלנטער, אידישער פרוי, וועלכע איז אין אָוונט אַראָפּגעקומען פון אַזאַ באַן־צוג מיט אַ לייכט בינטל זאַכן, אָבער מיט אַ גאָר שווער געמיט.

די געשיכטע פון איר'ע ליידן האָט זיך געצויגן שוין פון לאַנג. זי מיט איר מאַן זיינען נאָך דעם אויסברוך פון דעם צווייטן וועלט־קריג געלאָפן פון דעם מלחמה־פייער, וואָס האָט געהאַט אַרומגעכאַפּט אַ לאַנד אין מזרח־איראָפּע. זיי זיינען געלאָפן ווייט און לאַנג. און זיי האָבן אין וועג פאַרלוירן איינער דעם אַנדערן. אין די שרעקלעכע, מוראַ'דיקע מלחמה־יאָרן האָט דער מאַן נישט געהערט פון זיין פרוי, און די פרוי האָט גאָרנישט געוואוסט וועגן איר מאַן — אויף דעם אָרט, וואו זי איז איינע אַליין פאַרוואָגלט געוואָרן.

די מלחמה האָט זיך געענדיקט (רעדן, רעדט זיך עס לייכט — ביידע זיינען גאָר אַ סך דורכגעגאַנגען און זיי האָבן גאָר אַ סך זיך אויסגעמאַטערט אין די ווייטע מקומות, וואו זיי האָבן זיך געפונען, נישט וויסנדיק איינער פון דעם אַנדערן, אָבער דער גליקלעכער טאָג איז געקומען). האָט פּאַסירט, אַז עס איז געקומען איינער און ער האָט אָנגעזאָגט דעם מאַן אַ טרויעריקע בשורה, אַז זיין פרוי איז געשטאָרבן, אין מיטן קריג. דער מאַן האָט, קומענדיק צו זיך נאָך די אַלע צרות און אומגליקן, וואָס האָבן אים געהאַט געטראָפן, אָנגעַ־הויבן צו טראַכטן וועגן אַ נייער, רואיקערער צוקונפט. ער האָט זיך דורכ־געשלאָגן קיין ישראל, זיך איינגעאָרדנט נאָך אַ קורצער צייט און זיך אויפגעַ־

בויט אַ נייע היים. ער האָט ווידער חתונה געהאַט און געפונען אַ געטרייע לעבנס־באַגלייטערין.

און ער האָט נישט געוואוסט, אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן פון אַ פאַלשער ידיעה — נישט איבער זיין שולד און אויך נישט איבער דער שולד פון יענעם, וועלכער האָט זי אים אָנגעזאָגט. אין דער בהלה פון דער מלחמה און פון די וואָגלענישן האָבן זיך אַרומגעטראָגן אַ סך אַזעלכע נישט־ריכטיקע קלאַנגען. און דער אמת איז געווען, אַז די פרוי האָט זיך געראַטעוועט. אויך זי האָט געמיינט, אַז זי איז געבליבן איינע, און זי איז נאָכן קריג אַוועקגעפאָרן אין אַ גרויסער שטאָט, אין דעם לאַנד, וואו זי האָט זיך געפונען. ביסלעכווייז האָט זי זיך איינגעאָרדנט. זי האָט געהאַט אַן אינטעליגענטע פּראָפעסיע, און זי האָט באַקומען אַרבעט. אָבער זי איז קראַנק געוואָרן, אויף אַ שווערער שווינדזוכט, און זי האָט געמיינט, אַז דער סוף פון איר געמאַטערט לעבן רוקט זיך אָן גיך — דאָרט, אין דער ווייטער פרעמד.

פּאַסירט ווייטער — און דער מאַן אין ישראל דערוויסט זיך, אַז זיין ערשטע פרוי לעבט און אַז זי ליגט אַ שווער־קראַנקע אין אַ שפּיטאָל, אין אַ ווייט לאַנד. ער באַשליסט צו פאָרן צו איר, און עס גיט זיך אים איין צו מאַכן די לאַנגע נסיעה.

ער געפינט זיין ערשטע פרוי אַ ביסל אין אַ בעסערן צושטאַנד. איר קראַנקייט טוט זיך אָפּ פון איר, און עס איז דאָ אַן אויסזיכט, אַז זי זאָל קענען אַרויסגיין פון שפּיטאָל. אָבער וואָס וועט זיין ווייטער? דער מאַן זאָגט איר, אַז ער וועט פאָרן אַהיים, קיין ישראל, און ער וועט זיך דורכרעדן מיט דער אַנדערער פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט. זי איז אַ גוטע, אַ פאַרשטענדיקע. אפשר וועט זי מסכים זיין, אַז זיי זאָלן אַריינגעמען צו זיך אין שטוב אויך די ערשטע אומגליקלעכע פרוי זיינע.

ער איז אַהיימגעפאָרן און האָט גע׳פועל׳ט ביי זיין איצטיקער פרוי. גלייך האָט ער וועגן דעם מיטגעטיילט אין דעם שפּיטאָל, אין דער שטאָט אין דעם ווייטן לאַנד. די קראַנקע האָט צונויפגעזאַמלט די לעצטע כוחות און זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. און איין טאָג האָבן די טייערע, האַרציקע בחורים זי אַראָפּגענומען פון דעם צוג אויפן וואָקזאַל אין דער איראָפּעאישער שטאָט, וואו אויך איך בין געשטאַנען עטלעכע אָוונטן און אָפּגעוואַרט די אידישע וואַנדערערס.

די פרוי איז נאָך געווען שוואַך, נאָך נישט אויסגעהיילט פון איר קראַנקייט. זי האָט גוט געוואוסט, אַז איר געזונט קען זיך ווידער אַ שטאַרקן וואַקל טאָן. זי האָט זיך אויך גוט אָפּגעגעבן אַ רעכענונג דערפון, וואָס פאַר אַ משונה׳דיקע סיטואַציע עס דערוואַרט זי, ווען זי וועט קומען קיין מדינת

ישראל. אָבער זי האָט זיך געשטאַרקט, פיזיש און גייסטיק. זי האָט טיף געגלויבט, אַז אין דער אידישער מדינה וועט זי אויפגעריכט ווערן אַרום און אַרום.

מען האָט זי געהאַלטן אַ ביסל לענגער אין דעם צייטווייליקן מקום־מקלט אין דער אייראָפּעאישער שטאָט — אַז זי זאָל קומען מער צו זיך. און זי איז אַוועקגעפאָרן — מיט מוט און מיט האָפענונג. ידיעות זיינען דער־האַלטן געוואָרן, אַז אויך אָט די אַזוי שווער־געפּרואווטע אידישע פרוי, מיט איר צעבראָכן האַרץ, געפינט אַ בייעם וועג אין דעם אָוונט פון איר לעבן — זי איז שוין נישט אין די יונגע יאָרן — אין דעם אידישן היימלאַנד.

***

האָב איך געהערט וועגן אַ צווייטער — צווישן אַ סך אַנדערע — שוין מער פריילעכער געשיכטע, וועלכע האָט זיך אָבער אויך זייער שווער און זייער טרויעריק געהאָט אָנגעהויבן.

אַ אידישע משפחה — אַ מאַן מיט אַ פרוי און צוויי דערוואַקסענע קינדער — האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין קיין ישראל. ענדלעך האָבן זיי געקענט מאַכן די נסיעה, אויף וועלכער זיי האָבן לאַנג, זייער לאַנג אַרויסגע־קוקט. און ווייל זיי האָבן אין זייער לאַנגער וואַרטעניש שוין געהאַט פאַרלוירן די געדולד, האָבן זיי געמאַכט די רייזע אין אַן עראָפּלאַן. די טייערע, האַרציקע אידישע בחורים קומען אויך אויף דעם לופט־פעלד אין דער אייראָפּעאישער שטאָט — נישט נאָר אויף דעם וואָקזאַל — אָפּצוואַרטן און אויפצונעמען די אידישע וואַנדערערס.

איז די משפחה געפלויגן, אָנהויבנדיק דעם ערשטן טייל פון זייער נסיעה אין דעם אידישן היימלאַנד. פון גרויס עמאָציע און פון דער שטאַרקער איבער־לעבעניש, וואָס ענדלעך זיינען זיי שוין אין וועג, האָט דער מאַן, פליענדיק אין עראָפּלאַן, באַקומען אַ האַרץ־אַטאַקע. דער פּילאָט האָט געוואָלט גלייך צוריקפליען אין דער שטאָט, פון וואַנען זיי זיינען אַרויסגעפאָרן, אַז מען זאָל דעם מאַן אַראָפּנעמען און אַוועקפירן אין שפּיטאָל. אָבער די פרוי און אויך דער מאַן, אין זיין געפערלעכער לאַגע, האָבן זיך גענומען בעטן ביי דעם קאַפּיטאַן פון דער לופט־שיף, אַז ער זאָל דאָס נישט טאָן. זאָל געשען, וואָס עס וועט געשען, אַבי נישט צוריקפליען און דאַרפן ווידער פונדאָסניי אָנהויבן די נסיעה, אויף וועלכער זיי האָבן אַזוי לאַנג אַרויסגעקוקט.

דער פּילאָט האָט פאַרשטאַנען, און ער האָט נאָכגעגעבן די בקשה פון די פאַרצווייפלטע מאַן און ווייב. דער עראָפּלאַן איז אָנגעקומען אין דער אייראָפּעאישער שטאָט, וואָס איז די ערשטע סטאַנציע. דער קראַנקער מאַן

איז אַראָפּגענומען געוואָרן אויף אַ שפּיטאָל־בעט. די גוטע, טייערע אידישע בחורים — די, וועלכע איך האָב געזען — האָבן זיך פאַרנומען מיט אים און מיט זיין משפּחה.

ער איז פאַרבליבן אין דעם שפּיטאָל אין דער גרויסער אייראָפּעאישער שטאָט אַ געוויסע צייט. פאַר זיין פרוי און פאַר זיינע קינדער איז געזאָרגט געוואָרן — מיט די געלטער פון דעם „פאַראייניקטן אידישן אַפּיל" און פון דעם „קרן היסוד", וואָס אידן זאַמלען און גיבן. די דערוואַקסענע קינדער האָבן אויך באַקומען די מעגלעכקייט צו שטודירן אין אַ הויך־שול אין דער אייראָפּעאישער שטאָט פאַר דער צייט, וואָס זייער פאָטער איז געלעגן קראַנק אין שפּיטאָל. ער איז געהיילט געוואָרן. און די גאַנצע משפּחה האָט, אַ צופרידענע, אַ געשטאַרקטע, און פול מיט האָפענונגען, זיך אַרויסגעלאָזט אין דעם צווייטן טייל פון זייער וועג, צו זייער און אַ סך, אַ סך אַנדערע אידישע וואַנדערערס ענד־ציל, אין מדינת ישראל.

***

האָב איך אייך געשילדערט עטלעכע אומעטיקע בילדער, וואָס איך האָב צוגעזען בעת מיין רייזע. איך האָב געהערט און אַליין צוגעזען נאָך פיל מער טרויעריקע געשיכטעס און סצענעס. טרויעריק זיינען איצט די וועגן, וואָס פירן קיין ציון. און אפשר זיינען זיי אַלע מאָל אַזוי געוועזן. איך וועל אייך, מיינע חשוב'ע לייענערס, נאָך פירן אין מיינע וויטערדיקע שילדערונגען אויף אַ סך ליכטיקע, זייער ליכטיקע און הערלעך־זוניקע וועגן אין דער אידישער מדינה, אין דעם באַנייטן אידישן היימלאַנד, וואָס בויט זיך איצט אַזוי וואונדערלעך און אַזוי גראַנדיעז, און וואו די אידישע וואַנדערערס, די ביי־געקומענע עולים, ווערן אויפגענומען און איינגעאָרדנט מיט אַזוי פיל וואַרעמער אידישער ברידערלעכקייט און ברייטהאַרציקייט.

אָבער איך האָב נאָך וויט נישט יוצא געווען מיט שילדערן די היינט־ציטיקע „דרכי ציון אבלות". איך דאַרף נאָך דערציילן וועגן דעם, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט און צוגעזען פון דיליידן און מאַטערנישן פון די איצטיקע אידישע וואַנדערערס אויף זייערע וואַגלענישן אַהיים, אין דעם אידישן היימלאַנד.

נאָוועמבער 1963

טרערן פון פרייד

„הלוואי, מיר זאָלן זיך דערוואַרטן איבּ־גיכן צום דריטן מיליאָן אידן אין מדינת ישראל, ווי דער ראש הממשלה, לוי אשכול, האָט אונז אָנגעזאָגט!"

מיט די דאָזיקע ווערטער האָט זיך געזעגנט מיט מיר איינער פון די פיל פּליטים — איצט נייע עולים — מיט וועלכע איך האָב זיך באַגעגנט און גערעדט אויף מיין רייזע אין איראָפּע. און ניט איינער פון אָט־די שמועסן האָט מיך גערירט ביז גאָר. דער איצטיקער שטראָם פון דער עליה, וואָס גייט קיין ישראל, וועט נאָך געפינען זיין באַזינגער. אַ דור פון שעבוד גייט צו דער גאולה, און זעענדיק אים אויג־אויף־אויג — ווי איך האָב אים געזען — ברויזט־אויף אין אייך אַלץ, וואָס איר האָט אַמאָל געלערנט, וואָס איר האָט געלייענט און וואָס האָט זיך אַזוי טיף איינגעזאַפּט אין אייך וועגן דער נבואה פון שיבת ציון:

„הזורעים בדמעה, ברנה יקצורו".
„בשוב ה' את שיבת ציון, היינו כחולמים".

איך האָב עס געזען פאַר מיינע אויגן, ווי דאָס וואָרט מקויים, און איך געפין אפשר אויך ניט קיין בעסערן אויסדרוק פאַר דעם, וואָס איך האָב צוגעזען, ווי די פּסוקים פון תהלים, וואָס איך האָב נאָר־וואָס געבראַכט.

אויך דער איד, וועלכער האָט זיך מיט מיר געזעגנט מיט די ווערטער פון האָפענונג אויף דעם דריטן מיליאָן אידן אין מדינת ישראל, האָט געטראָגן אין זיך טיף דעם חזון פון דער גאולה. נאָך דעם אַלעם, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט במשך פון לאַנגע יאָרן. ער האָט נישט געוואָלט רעדן צו מיר אַנדערש, ווי נאָר אויף העברעאיש. אויך זיין פרוי — מיט וועלכער ער האָט געוואָלט דורכאויס, אַז איך זאָל זיך באַקענען מיט איר — האָט גערעדט מיט מיר העברעאיש. זייער אַ סימפּאַטיש פּאָרל, ביידע, נאָך אין יונגן עלטער, פריער פאַר די מיטעלע יאָרן. איך האָב זיי געפרעגט, פון וואַנען קענען זיי העברעאיש און רעדן אַזוי גוט די שפּראַך פון ישראל. דאָרט, פון וואַנען זיי קומען, איז ניטאָ קיין מעגלעכקייט צו לערנען העברעאיש. זיי האָבן מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן געפונען אַ ווערטער־בוך און האָבן זיבּן דריי יאָר געלערנט איינאיינעם, גערעדט איינער צום אַנדערן נאָר אויף דער שפּראַך פון אידישן היימלאַנד. און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט. זיי ווייסן אויך ביידע

וועגן אַלע לעצטע אַנטוויקלונגען אין לעבן פון דער אידישער מדינה. זיי האָבן ביידע מיך איבערראַשט מיט זייערע ידיעות וועגן ישראל.

אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז ביידע זיינען זיי געוועזן זיכער, אַז עס וועט זיך זיי איינגעבן איינצואָרדענען זיך אין דער אידישער מדינה אָן שום שוועריקייטן. ביידע האָבן זיי אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, ביי וועלכע מען קריגט איצט לייכט און גיך באַשעפטיקונג אין ישראל. קיין קינדער האָבן זיי ניט. און אויך מיט זרעא חיא וקימא האָפן זיי אויפצוערציכטן צו ווערן אין ישראל.

***

איך האָב געהערט אין דער גרויסער שטאָט אין אייראָפּע, וואו איך בין געוועזן און האָב באַגעגנט אָט די דורכפאָרנדיקע עולים קיין ישראל, אַז עס פּאַסירט אָפט, ווען עס קומען פרויען אין די גאָר „היוכע חדשים". זיי ווילן זיך אַרויסקריגן פון זייערע ערטער, ווי אַמגיכסטן, ביי דער ערשטער געלעגנהייט, און קוקן ניט אויף זייער צושטאַנד.

ווען זיי קומען־אָן אין דער גרויסער אייראָפּעאישער שטאָט, ווייסן זיי, אַז זיי קענען זיין רואיק. שוין פאַראַן אַזעלכע, וואָס נעמען זיי אויף גלייך אויפן וואָקזאַל. זיי בלייבן אין דער שטאָט, און ווען עס קומט די צייט, פירט מען זיי אַוועק אין שפּיטאָל, וואו זיי ווערן פאַרזאָרגט מיט דער גאַנצער נויטיקער הילף און אויפזיכט.

און שפּעטער פאָרן זיי קיין ישראל גליקלעכע, צופרידענע מאַמעס איינאיינעם מיט זייערע ניי־געבוירענע עופעלעך — נייע בירגער פון דער אידישער מדינה, וואָס דערנענטערן דעם דריטן מיליאָן.

***

עס קומען אויך סתם־קראַנקע, נישט זעלטן שווער קראַנקע. מדינת ישראל נעמט־אויף אַלעמען. און דאָס איז נישט נאָר דערפאַר, ווייל אַזוי באַשטימט דאָס געזעץ, וואָס איז באַשלאָסן געוואָרן דורך דער כנסת, דער „חוק השבות". די איצטיקע עליה איז אויך הצלה. קומען־אָן אין דער אייראָפּעאישער שטאָט קראַנקע, וועלכע זיינען נאָר־וואָס אַרויס פון אַ שפּיטאָל אין דעם אָרט, וואו זיי האָבן זיך פריער געפונען, און זיי ווערן צוריק אַריינגענומען אין אַ שפּיטאָל. זיי בלייבן אַ צייט אין דעם שפּיטאָל, אין דער אייראָפּעאישער שטאָט, ביז זיי ווערן געשטאַרקט, געהיילט. און דאַן נעמט מען זיי אַריין אין די גרויסע גרופּעס נייע עולים, וואָס לאָזן זיך אַרויס ווייטער אין וועג — אַהיים אין אידישן היימלאַנד.

בעת איך בין געווען אין דער איראַפּעאישער שטאָט, איז אין אַ שפּיטאָל געלעגן שוין זינט עטלעכע וואָכן אַ אידישע פרוי, וועלכע מען האָט גלייך פון וואָקזאַל געמוזט אַהין אַוועקפירן. די פרוי איז אַרויסגעפאָרן פון איר פריערדיקן וואוין־אָרט מיט אַ צעבראָכענעם פוס אין גיפּס. זי האָט ניט מורא געהאַט צו מאַכן די נסיעה אין דעם צושטאַנד, אין וועלכן זי האָט זיך געפונען. זי האָט געוואוסט, אַז מען וועט זיך פאַרנעמען מיט איר. אָבער אויף דער גרענעץ, וואָס זי האָט געדאַרפט דורכפאָרן, האָט זיך געפונען אַ שלעכטער באַאַמטער, וועלכער האָט איר ניט געוואָלט גלויבן, אַז זי באַהאַלט נישט עפּעס אין דעם גיפּס. און ער האָט געטאָן אַ גאַנץ „פּשוט׳ע" זאַך. ער האָט איינגעבראָכן דעם גיפּס. זיכער, האָט ער גאָרנישט געפונען, אָבער די פרוי איז שוין געפאָרן ווייטער אין אַ שרעקלעכן מצב.

מען האָט זי נאָך אַלץ ניט געקענט אַרויסנעמען פון שפּיטאָל, בעת איך בין געווען אין דער איראָפּעאישער שטאָט. זי איז נאָך נישט געווען אויס־געהיילט. און מען האָט זיך פאַרנומען מיט איר שוין וואָכן. און אויך זי וועט אַוועקפאָרן ווייטער. און זי וועט געפינען, מיט איר משפחה, אין מדינת ישראל אַ היים, אינאיינעם מיט די אַנדערע נייע עולים. דערווייל האָט מען געמוזט זאָרגן דערפאַר, אַז זי זאָל זיך אויסהיילן. און דאָס איז געטאָן געוואָרן. דאָס איז אויך נישט קיין איינצלנער פאַל.

***

דאָס בלאַסע, איידעלע פּנים פון דעם רב, וועלכן איך האָב באַקענט און מיט וועמען איך האָב גערעדט אין דעם זאַמל־אָרט פאַר די דורכפאָרנדיקע עולים אין דער איראָפּעאישער שטאָט, טוט זיך נישט אָפּ פון מיינע אויגן. נאָך אין די יונגע יאָרן, איז ער אַ טאַטע פון צוועלף קינדער, ווי די צוועלף שבטי ישראל. און אין דעם גרויסן חדר, וואָס מען האָט אים און זיין משפחה אָפּגעגעבן אין דעם זאַמל־אָרט, אויף די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט דאָרט געדאַרפט זיין, איז געלעגן אין אַ בעט זיין קראַנקע שוויגער. אַזוי זיינען זיי אַרויסגעפאָרן, און האָבן זיך שוין געקליבן ווייטער אין וועג אַריין, שוין אַהיים קיין ישראל.

אויך ער, דער רב, מיט דער נאָך שוואַרצער באָרד און טיפע פינקלדיקע אויגן, האָט נישט געוואָלט רעדן אַנדערש מיט מיר, ווי נאָר אויף לשון־קודש. אַרויסקומענדיק אין דער וועלט און שוין זייענדיק אין מיטן וועג קיין מדינת ישראל — באַטראַכט ער לשון־קודש פאַר זיין איינציקער שפּראַך, האָט ער מיר געזאָגט. און אין זיין לשון־קודש איז געווען דווקא אַ סך פון מאָדערנעם העברעאיש. ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער איז פול מיט בטחון, אַז ער

גייט טאַקע צו דער גאולה. ער מאַכט איצט יעדן טאָג די ברכה „על פדות נפשנו״, האָט ער מיר געזאָגט. ער איז זיכער, אַז ער אַליין וועט זיך באַלד איינאָרדענען אין ישראל בכבוד און מיט נחת, און אַז זיינע קינדער וועלן אויפגעצויגן ווערן און האָבן אַ ליכטיקע צוקונפט.

די אידישע בחורים, וואָס פאַרנעמען זיך איצט מיט אָט די דורכפאַרנדיקע עולים, האָבן אינאיינעם מיט די אָנפירער פון דער אידישער הילפס־אַרבעט אין דער איראָפּעאישער שטאָט צונויפגעזאַמלט צווישן זיך אַליין די נויטיקע סומע פאַר קויפן אַ „פרידזשידער״ און מיטגעבן אַ מתנה דעם סימפּאַטישן רב און זיין משפחה קיין ישראל. עס וועט אים דאָרט שטאַרק צונוץ־קומען, אין דער דירה, וואָס ער וועט קריגן.

***

און אָט שטיי איך אויפן וואָקזאַל, אין דער גרויסער איראָפּעאישער שטאָט, אין אַ קאַלטן, אָבער ליכטיקן, זון־באַשטראַלטן באַוועמבער־פאַרמיטאָג.

אַ „שיירה״ פאָרט־אָפּ קיין ישראל. די טערמינאָלאָגיע איז שוין אַ העברעאישע.

עס פאָרן עטלעכע הונדערט עולים. זיי פאַרנעמען די וואַגאָנען פון אַ גאַנצן ספּעציעלן באַן־צוג. עטלעכע פון די יונגע שליחים באַגלייטן זיי. עס פאָרן פרויען, מענער, קינדער, זקנים, גרויסע און קליינע משפחות. זיי קומען פון אַלערליי מקומות. זיי רעדן אויף פאַרשיידענע לשונות. אָבער איצט זיינען זיי שוין אין גרויסע גרופּע, אין „שיירה״ פון ברידער און שוועסטער אידן, וואָס פאָרן אַהיים, אין אידישן היימלאַנד.

מיט אָט־דער באַן פאָרן זיי צו דער איטאַליענישער האַפן־שטאָט, ביים מיטללענדישן ים. דאָרט וואַרט שוין אויף זיי אַ שיף, וואָס וועט זיי צופירן צו די ברעגעס פון ישראל.

איר האָט געדאַרפט זען אָט־די אידישע פרויען, מענער, קינדער, זקנים, מיט זייער מוט, מיט זייער פרייד, מיט זייער בטחון, וואָס האָט ווי אַרויסגעזונגען פון זיי. און ווי איידל און ווי שיין! אייגער געדענקט וועגן צווייטן, איינער העלפט דעם צווייטן. קינדער לויפן אַרום איבערן באַן־פּעראָן — אין דער צייט, וואָס איז נאָך פאַרבליבן ביז צום אָפּגיין פון צוג — און קענען זיך שוין אייגער מיטן אַנדערן, כאָטש זיי רעדן נאָך אויף פאַרשיידענע לשונות. עולים מיט עולים, פון ווייטע און נאָענטע מקומות, זיינען מקרב איינער דעם צווייטן. אַ טייל האָבן זיך שוין געקענט פון פריער. אָבער אַ טייל באַקענען זיך אין די וואַגאָנעס ערשטן צום ערשטן מאָל.

מיט אַ צאָל פון זיי כאַפּ איך אַריין קורצע שמועסן. אויף פאַרשיידענע

לשונות. איך נעם־אָפּ אייליקע, אָבער גרינטלעכע גרוסן פון איצטיקן אידישן לעבן.

אַ טייל פאָרן מיט גאַר קליינע קלימיקלעך, וואָס זיי האָבן די מעגלעכ־קייט מיטצופירן מיט זיך. אַנדערע פירן אויך ניי־מאַשינען, „פרידזשידערס" וכדומה. און אַלץ איז גוט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך די יונגע, איבערגעגע־בענע שליחים, מיט ברידערלעכער זאָרג, מיט האַרץ און נשמה.

דער צוג רירט זיך פון אָרט. די „שיירה" גייט אַרויס אין וועג. ביי די פענסטערלעך פון די וואַגאָנעס שטייען און שטופן זיך פרויען, מענער און קינדער, וואָס רופן־אויס אויף אַלערליי לשונות און מיט די פאַרשיידנסטע קולות:

„אַ דאַנק אייך! אַ דאַנק אייך! זייט געבענטשט!"

דאָס דאַנקען זיי די יונגע, טייערע בחורים, די שליחים, וואָס זיינען פאַרבליבן אויפן פּעראָן פון וואָקזאַל — אויפצונעמען נאָך היינט אין אָוונט נייע אַזוי ווי די — דורכפאָרנדיקע עולים.

און מיטאַמאָל —

דער גאַנצער צוג, וואָס האָט זיך נאָר־וואָס גערירט פון אָרט, צעזינגט זיך. די „שיירה" צעיובלט זיך מיטן געזאַנג פון „התקוה".

„כל עוד בלבב פנימה
נפש יהודי הומיה..."

איך האָב שוין געהערט אין מיין ציוניסטישן לעבן זינגען „התקוה" פיל, פיל הונדערטער מאָל. איך האָב געהערט די טענער פון „התקוה" אין גרויסע היסטאָרישע מאָמענטן אויף ציוניסטישע קאָנגרעסן. אָבער קיינמאָל בין איך נישט אַזוי טיף אויפגעבראַכט געוואָרן, ווי דאָ, פון דעם „התקוה"־געזאַנג פון דער „שיירה".

איך וועל אייך נאָך פירן, מיינע ליבע לייענער, אין דעם האַפן פון חיפה, און וועל אייך שילדערן דאָס פּאַטעטישע בילד, ווי די און אַנדערע עולים, ווערן באַגעגנט, אויפגענומען און אַראָפּגענומען פון דער שיף, ווען זיי קומען־אָן, ענדלעך, אַהיים, אין אידישן היימלאַנד.

סוף 1963

ניי־געפונענע ברידער

אויף דעם לופט־פעלד אין אַ גרויסער שטאָט אין דרום אייראָפּע בין איך געשטאַנען און אַרויסגעקוקט אויף דעם אָנקומען פון אַן עראָפּלאַן. איך האָב באַגלייט אַ פאָרשטייער פון דער עליה־אָפּטיילונג פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע. ער איז געווען אַ היפּש ביסל אומרואיק, און מיט זיין צערודערטער שטימונג האָט ער אָנגע־שטעקט אויך מיך. ער האָט אַ סך דערפאַרונג מיט אויפנעמען אַזעלכע עראָפּלאַ־נען, וועלכע ברענגען עולים אויפן וועג קיין מדינת ישראל. דעם זעלבן פרימאָרגן האָט שוין געזאָלט אַראָפּלאָזן זיך אויף דעם לופט־פעלד אַזאַ לופט־שיף מיט עולים, אָבער זי האָט זיך ניט באַוויזן. מיר זיינען געשטאַנען אין דעם לייכטן ווינט, וואָס האָט געבלאָזן אויף דעם אַעראָדראָם אין דעם טאָג, וואָס איז דווקא געווען אַ קלאָרער און אַ זוניקער. אָבער אונזערעביידנס פּנימער זיינען געווען ניט ווייניק פאַרכמורעט.

„אָט איז ער דאָ!"

מיין באַגלייטער איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַ ביסל וויטלעך אויפן האָריזאָנט באַמערקט די קאָנטורן פון אַן עראָפּלאַן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן. ער האָט אים גוט דערקענט. אָט־דער מין עראָפּלאַן איז אים שוין גוט באַוואוסט. דער טייערער, האַרציקער בחור האָט אינגאַנצן אויפגעשיינט. און ער האָט זיך גענומען גרייטן אויפנעמען די נייע גרופּע עולים. עס איז אַ ספּעציעלע לופט־שיף, מיט וועלכער עס פאָרן בלויז אידן, וועלכע וועלן פון דאַנען זיך אַוועקלאָזן באַלד קיין ישראל, אין דער זעלבסט־שטענדיקער, ווידער־אויפגעבויטער אידישער מדינה.

דער עראָפּלאַן האָט געלאַנדעט, און באַלד האָבן זיי אָנגעהויבן אַראָפּ־גיין — זקנים און יונגעלייט, פרויען, אַלטע און שוואַכע, און יונגע, ענערגישע, מיט אַ פרישן חן אין די אויגן; קינדער, קליינע און גרעסערע, אָבער אַלע שטילע, ניט קיין צעבאַלעוועטע, ערנסטע, ווי זיי וואָלטן שוין געווען דער־וואַקסענע מענטשן, מיט אַן עול אויף זייערע יונגע פּלייצעס.

מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ קראַנקן־שוועסטער, אויך אַ ישראל׳דיקע, פון קופּת חולים פון דער הסתדרות. זי קומט צו יעדן עראָפּלאַן, וואָס ברענגט אַזאַ טראַנספּאָרט עולים, און זי ווייסט צו וואָס זי קומט. אויך דאָס מאָל האָט זי געהאַט אַ היפּש ביסל אַרבעט. איין אַלטע פרוי האָט אַפילו ניט געקענט אַראָפּגיין. זי איז אַרויס אין דער וועלט אויפן וועג צום אידישן היימלאַנד

מיט אַ צעבראָכענעם פוס. זי האָט ניט געקענט און ניט געוואָלט וואַרטן ביז איר פוס וועט געהיילט ווערן. האָט די קראַנקן־שוועסטער געבראַכט אַ בענקל אויף רעדלעך און אַוועקגעפירט די זקנה. אַנדערע פון דער גרופּע, וואָס האָבן אויסגעזען צערודערט און זיינען אַראָפּגעקומען קרעכצנדיקע און פאַרוויטיקטע, האָט די קראַנקן־שוועסטער דערלאַנגט עפּעס פּילן אַזעלכע זיי צו באַרואיקן. נאָך אַנדערע, עלטערע און פאַרקריפּלטע, האָט מען געדאַרפט אָנהאַלטן פאַר דער האַנט. צום גליק זיינען ניט געווען קיין סך אַזעלכע, און די טיכטיקע, ענערגישע און איבערגעגעבענע ישראל׳דיקע קראַנקן־שוועסטער האָט זיך גיך איספּראַווועט מיט אַלע אירע פּאַציענטן אין דער גרופּע.

און אַזוי זיינען זיי אַראָפּגעגאַנגען, די נייע עולים, פון דער לופט־שיף, וועלכע האָט זיי בלויז מיט עטלעכע שעה צוריק אויפגענומען. זיי זיינען געגאַנגען אַ ביסל לאַנגזאַם און אין אַ לאַנגער רייע געשטעלט זייערע פיס אויף דער ערד, וואָס איז געווען ניי פאַר זיי.

און איך האָב געטראַכט:

וויפיל מאָל האָבן אַזעלכע אידן ווי איך שוין געזען און געקוקט אויף דעם באַרימטן בילד פון הירשענבערגן, „דער גלות־מאַרש״? וואו נעמט מען אַ גרויסן, גענויאַלן קינסטלער, וועלכער זאָל מאָלן די דאָזיקע סצענע, וואָס איך האָב איצט געהאַט פאַר מיינע אויגן און וואָס איז געווען דער גליקלעכער היפּוך פון הירשענבערג׳ס טעמע? עס איז דער פּאַטעטישער, דער דערהויבענער מאַרש צוריק אַהיים — אַהיים אין אייגענעם, באַפרייטן אידישן היימלאַנד; אַהיים צו פרייהייט, צו חרות, צו אַן אייגענעם אידישן לעבן, צו אַ ניי לעבן; צו ווידער־אויפלעבונג, צום פונדאַסניי געבוירן ווערן; צו נייע, פרייע, ליכטיקע יאָרן, אין דער נאָך צוויי טויזנט יאָר ווידער אויפגעשטאַנענער מדינה פון ישראל.

און עס איז אַזוי, ווי מיר האָבן אין אונזער יוגנט געזונגען אין די ערשטע ציון־לידער, וואָס מען האָט אונז געלערנט:

„בנערינו ובזקנינו נלך!״

איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן דאָס דאָזיקע פּאַטעטיש־דראַמאַטישע בילד, וואָס איך האָב געזען אויף דעם לופט־פעלד אין יענער שטאָט, ערגעץ וואו אין אייראָפּע, און איך בענטש די שעה, ווען דאָס דאָזיקע בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיינע אויגן.

**
*

איך בין מיטגעפאָרן מיט זיי אין שטאָט, מיט די ניי־געבראַכטע עולים, וועלכע האָבן דאָ געדאַרפט בלייבן בלויז עטלעכע טעג, איידער מען וועט

זיי אָװעקפֿירן צו זייער ענד־ציל — וואָס פֿאַר אַ הויך, שיין וואָרט פֿון די אַמאָליקע לאַנגע ציוניסטישע וויכּוחים — קיין מדינת ישראל. איך האָב זיי געהאָלפֿן טראָגן זייערע קלימיקלעך. זיי האָבן נישט געבראַכט קיין סך מיט זיך. און די דאָזיקע לאַסט איז דווקא ניט געווען קיין שווערע. איך האָב גערעדט מיט זיי, מיט מיינע נײַ־געפֿונענע ברידער און שוועסטער אידן, וועלכע האָבן געוואוסט פֿון וואַנען איך קום. זיי האָבן מיר געשטעלט פֿאַרשידענע קשיות, און וואונדערט זיך ניט: איינער פֿון זיי, אַן עלטערער איד, האָט מיך געפֿרעגט, צי אין דעם האָטעל, וואו מען האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט אַהין פֿאַרפֿאָרן, וועט ער האָבן כּשר עסן. איך האָב אים געקענט פֿאַרזיכערן, אַז די קיך פֿאַר אַלע עולים איז אַ שטרענג כּשר׳ע. און ער איז געוואָרן רואיקער.

זאָגט מיר איינער פֿון די טייערע בחורים, וועלכע זיינען זיך מטפּל מיט די נײַ־געקומענע, אינאיינעם מיט מיין באַגלייטער:

„ווען זיי קומען דאָ אַהער, קריגן זיי אַ מין גייסטיקן שאָק. ס׳איז ניט אַזוי לייכט מיט זיי. מען דאַרף זיי אַרויסווייזן אַ באַזונדערע וואַרעמקייט. מען דאַרף זיי אַרומנעמען מיט צערטלעכקייט. ביי אַ סך פֿון זיי דאַרף מען פֿריער געווינען פּשוט דעם צוטרוי. זיי גלויבן זיך אַליין ניט, און אַוודאי גלויבן זיי ניט אַנדערע, וועלכע זיינען פֿאַר זיי פֿרעמדע אין דער ערשטער מינוט“.

אָבער מען ווערט באַלד היימיש מיט זיי. אויך מיר האָט זיך איינגעגעבן זיי מקרב צו זיין. און ביסלעכווייז, ביסלעכווייז האָבן זיי געעפֿנט זייערע איבערפֿולטע הערצער פֿאַר די איידעלע יונגעלייט, וועלכע האָבן זיי אויפֿגענומען, און אויך פֿאַר מיר, אַ געקומענעם פֿון מרחקים.

מיר הויבן אָן צו דערוויסן זיך עפּעס וועגן זיי.

**
*

איך שמועס זיך פֿונאַנדער מיט אַ איינגערער פֿרוי, וועלכע ציט־צו מיין אויפֿמערקזאַמקייט מיט אירע ענערגישע, אָבער אין אַ גאַנץ שטאַרקער מאָס, נערוועזע זשעסטן. עס איז קלאָר פֿון אויבן־אויף, אַז אָט־די יונגע פֿרוי האָט שוין אַ סך צוגעזען אין איר לעבן. זי איז אַן אויסשטודירטע טעכניקערין און האָט אַ גוטע, נוצלעכע פּראָפֿעסיע. זי איז געקומען צוזאַמען מיט איר מאַמען, שוין אַ זקנה, וועלכע וועט דאַרפֿן דערציען אירע יאָרן און מיט וועמען עס וועט איר זיין ניט לייכט זיך איינצואָרדענען אין ישראל. זי ווייס וועגן דעם זייער גוט. אָט־דער גאַנצער עולם דאָ, וועלכן מיר פֿירן פֿון

דעם לופט־פעלד, מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן זיין לאַגע. די אינגערע פרוי, די טעכניקערין, האָט, צום גליק, אַ גרויסע נחמה. איר ברודער געפינט זיך שוין פון פריער אין אידישן הימלאַנד. ער וואַרט אויף איר. ביז איצט איז ער געווען אַליין און האָט זיך ניט געקענט שאַפן קיין אייגן ווינקל. איצט וועלן זיי זיין אַ גאַנצע משפחה: איר ברודער, זי און די אַלטע מאַמע. וועלן זיי צוזאַמען שוין קריגן אַ דירה. די אידישע אַגענטור וועט זיי העלפן, ווי זי העלפט די אַנדערע עולים־משפחות. זי ווייס וועגן דעם, ווי עס ווייסן די אַנדערע פון דער גרופּע עולים, וועלכע זייגען אָנגעקומען אַהער אויפן וועג קיין ישראל.

זי האָט אַ סך דורכגעמאַכט, אָבער זי וויל עס שוין פאַרגעסן. זי טראַכט וועגן דער צוקונפט. זי גלויבט, אַז זי האָט פאַר זיך אַ צוקונפט איצט, ווען זי פאָרט קיין ישראל. און אויך מיט איר אַלטער מאַמען — איז זי זיכער — וועט איר זיין אַ סך לייכטער ווי עס איז איר געווען ביז איצט.

**
*

מיר דערזעען פאַר זיך אַ יונגנמאַן, וועלכער איז געקומען מיט אַ פרוי און אַ קליין קינד. אויך זיי פירן מיט זיך אַן אַלטע מאַמע. איך דערוויס זיך, אַז זי איז זיין מאַמע, דעם יונגנמאַנס. ער זאָגט אונז אויך וואָס עס איז זיין באַשעפטיקונג. ער איז אַ טישלער פון פאַך.

מיין פרוי, וועלכע איז געקומען צוזאַמען מיט מיר אויף דעם לופט־פעלד באַגעגענען די גרופּע נייע עולים, האָט דעם איינדרוק, אַז דעם יונגנמאַנס לעבנס־באַגלייטערין, די מאַמע פון זיין קינד, איז ניט קיין אידישע. ווען מיר ווערן היימישער מיט זיי, פרעגן מיר וועגן דעם אָפּן דעם ניי־געקומענעם. ער פילט זיך לחלוטין ניט געטראָפן פון דער פראַגע, און ער גיט־צו, אַז זיין פרוי איז ניט קיין אידישע. „אָבער זי פילט זיך אידיש", זאָגט ער אונז. און ער באַמערקט, אַז איצט וועט שוין אַוודאי זיין אַלץ אין אָרדענונג אין זייער משפחה. דאָס קינד, אַ שיין מיידעלע, וועט דאָך שוין אַוודאי קריגן אַ אידישע דערציאונג. וועט ניט זיין קיין פּראָבלעם, איז ער זיכער. בכל אופן, זעען מיר, אַז דאָס קינד שמייכלט שוין איצט זייער זיס, צי דאָס איז פון צופרידנקייט, צי פון פרייד איבער דער נייער סביבה. דאָס מיידעלע קייעט מיט גרויס פאַרגעניגן אַ שטיקל שאָקאָלאַד, וואָס זי האָט באַקומען.

מיר דערוויסן זיך, אַז פאַרלעך פון געמישטע חתונות זייגען ניט קיין זעלטענע דערשיינונג צווישן די עולים, וועלכע קומען אַהער. און עס זייגען אויך פאַראַן שווערע פאַלן, אין וועלכע עס שאַפן זיך גאַנץ קאָמפּליצירטע

פראָבלעמען באַלד אין אָנהויב. לעצטנס קומען ווייניקער געמישטע פּאָר־פעלקער.

**
*

מיט אַ פּאָרל, וואָס איז געקומען אַהער אינאיינעם מיט אַ פריערדיקער גרופּע, האָט זיך אָפּגעשפּילט אַזאַ געשיכטע:

אַ איד, שוין אין די טיפע פופציקער יאָרן, האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכער פרוי, וועלכע האָט געהאַט קריסטלעכע קינדער פון איר פריער־דיקן מאַן. דער איד האָט זיך אַוועקגעלאָזט קיין ישראל מיט זיין קריסטלעכער פרוי. די קינדער, די קריסטלעכע, האָבן ניט געקענט מיטפאָרן מיט זיי. אין אָנהויב האָט די פרוי געזאָגט, אַז זי וויל בלייבן לענגער אויף דעם טראַנזיט־אָרט, איידער זיי וועלן פאָרן ווייטער צו באַזעצן זיך אין דער אידישער מדינה. זי האָט געהאָפט אויף דעם, אַז אירע קינדער וועלן נאָך אָנקומען. אָבער ווען עס איז פאַרביי אַ וואָך, צוויי — און די קינדער האָבן זיך ניט באַוויזן, איז אַנטשטאַנען אַ פּראָבלעם. אויף אַ קורצער ווילע האָט די קריסטלעכע פרוי זיך גענומען וואַקלען: זי וויל צוריקפאָרן צו אירע קינדער, האָט זי געזאָגט. אָבער וואָס וועט טאָן דער מאַן? נאָך אַ פּאָר טעג האָט די פרוי זיך אַנטשלאָסן: זי וועט פאָרן אַהין, וואו איר מאַן וועט וועלן. און איר מאַן האָט שוין פריער אויסגעקליבן דעם וועג קיין ישראל, וואָס איז אים ניט אָנגעקומען אַזוי לייכט. זיינען זיי ביידע אַוועקגעפאָרן אין דער אידישער מדינה. די קריסטלעכע קינדער פון דער פרוי ווילן דווקא אויך פאָרן קיין ישראל. אָבער זיי זיינען נאָך ניט געקומען.

ווי אַזוי עס האָט זיך איינגעשטעלט די מערכה צווישן דעם געמישטן פּאָרפאָלק אין ישראל, איז ניט באַקאַנט. האָט די קריסטלעכע פרוי זיך באַרואיקט, אָדער ניט? האָט זי שלום געמאַכט מיט איר לאַגע? און וואָס איז מיט דעם אידישן מאַן, וועלכער האָט אין אַזאַ ווייטן עלטער גענומען אַ קריסטלעכע פרוי? מען האָט מער ניט געהערט וועגן זיי.

ישראל דאַרף איצט לייזן אויך אַזעלכע פּראָבלעמען און דאַרף היילן אויך אַזעלכע וואונדן.

**
*

מיר קומען אָן אין דעם האָטעל, וואו די גרופּע וועט בלייבן עטלעכע טעג ביזן אַוועקפאָרן ווייטער קיין ישראל. דאָס איז איינער פון אַ צענדליק האָטעלן, וואָס זיינען ספּעציעל גענומען געוואָרן אין דער שטאָט פאַר די דורכרייזנדיקע עולים. זיי קריגן באַקוועמע צימערן. אַלץ איז צוגעגרייט פאַר זיי אויך דאָ אין דעם טראַנזיט־אָרט. אַ שטאָב איבערגעגעבענע עליה־שליחים

פון ישראל זאָרגט צו שאַפן שוין דאָ אַ וואַרעמע סביבה פאַר די קומענדיקע תושבים און בירגער פון דער אידישער מדינה.

איך עס צוזאַמען מיט זיי דעם ערשטן מיטאָג. אין דעם גרויסן שפּייז־זאַל פון דעם האָטעל ווערט שוין טומלדיק־היימיש. אידן ווערן באַלד נאָענט צווישן זיך. די סעודה איז אַן אמת־אידישלעכע, און איידער מען האַלט ביים פונאַנדערגיין זיך פון די טישן, וואָס זיינען געווען זייער בכבודיק געגרייט — האַלט איינער פון די ישראל'דיקע שליחים, אַן עלטערער באַאַמטער פון דער אידישער אַגענטור, אַ וואַרעמע, ברידערלעכע רעדע צו די ניי־געקומענע. ער באַגריסט זיי און דערקלערט זיי, וואָס עס וועט זיין דער סדר־היום אין דער קורצער ציַיט, וואָס זיי וועלן דאָ בלייבן. ער דערציילט זיי אַ ביסל וועגן ישראל און זאָגט זיי וועגן דעם ווי אַזוי עס וועט צוגיין זייער וויַיטער־דיקע נסיעה שוין גלייך אַהיים, אין דער אידישער מדינה. זיי הערן אים און דאַנקען אים מיט שטאַרקע און הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. עס איז צו זען, אַז שוין דאָס אויסהערן אָט־די דרשה אַליין איז פאַר זיי אַן איבערלעבונג.

אַזוי נעמט מען איצט אויף ניי־געפונענע ברידער און שוועסטער, און אַזוי פירט מען זיי און מען באַגלייט זיי אויף זייער וועג אַהיים, אין דער אייגענער אידישער מדינה. עס איז גאָרניט אַפּצושאַצן די ברידערלעכע מי, וואָס ווערט אַריינגעלייגט אין אָט־דער הייליקער אויפגאַבע פון פיזישער און גייסטיקער רעטונג, גייסטיקער אפשר מער פון פיזישער. און די, וועלכע גיבן און שאַפן די מיטלען פאַר דערמעגלעכן צו דערפילן אָט־די גרויסע אַרבעט פון הצלה און ווידער־אויפריכטן אידישע נפשות — דורך דעם קרן־היסוד און פאַראייניקטן אידישן אַפּיל — וויסן אפשר אַליין ניט, וואָס זייער פשוט'ע הילף באַדייט.

איך בין אויך געווען אויף אַ שיף, מיט וועלכער אַזאַ גרופּע עולים איז אַוועקגעפאָרן קיין ישראל. דאָס איז אַ גאַר באַזונדער קאַפּיטל מיט פּאַטעטישע סצענעס און שטאַרקע איבערלעבונגען.

יאַנואַר 1965

אויף אַ שיף מיט נייע עולים

די פאַמיליע פון צען נפשות, וואָס איך האָב געזען אַרויפגיין אויף דער ישראל־שיף, מיט וועלכער זיי זיינען באַלד אָפּגעשוואומען צו די ברעגן פון דער אידישער מדינה, האָט געדאַרפט מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף יעדן איינעם, וואָס האָט זיי באַגעגנט. אַלע זיינען זיי אויך געוואונטשענע עולים פאַר ישראל. דער פאָטער פון דער משפחה איז אַן אַרכיטעקט. זיין זון איז אַן אינזשעניר. זיין איידעם איז אַ מעכאַניקער. די טאָכטער מיטן איידעם ברענגען אַ דריילינג קיין ישראל — דריי שיינע, געראָטענע קינדערלעך. ס׳איז געווען אַ נחת צו קוקן אויף אַזאַ משפחה, וואָס פאָרט קיין ישראל און אין אַזאַ געהויבענער שטימונג. געוויס דאַרף מען אויך זייער גוטן געמיט פאַרשרייבן אין אַ גרויסן טייל אויפן חשבון פון דער באַרואיקנדיקער ווירקונג, וואָס עס האָט געהאַט אויף זיי דאָס פאַרברענגען די קורצע צייט אין דעם טראַנזיט־אָרט אין אייראָפּע, וואו איך האָב געטראָפן די משפחה.

איך גיי אַרום ווייטער צווישן די עולים־פּאַסאַזשירן אויף דער שיף און באַגעגען אַ שוישפּילער. איך הער, אַז ער האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג אין דעם לאַנד, וואו ער האָט פריער געוואוינט. ער פלעגט אויך אויפטרעטן אויף טעלעוויזיע. אָבער ער איז געווען אַליין. זיינע עלטערן זיינען אומגעקומען אין דער מלחמה־צייט אין אַ נאַצישן קאָנצענטראַציע־לאַגער. ער איז נאָך יונג און פול מיט קינסטלערישער אַמביציע. ער רעדט אַ גוטן אידיש און האָט אויך אָנגעהויבן לערנען העברעאיש. ער האָפט, אַז ער וועט נאָך מאַכן אַ קאַריערע אין העברעאישן טעאַטער אין ישראל. געוויס וועט ער פריער גוט שטודירן העברעאיש — זאָגט ער מיר. דערווייל האָט ער שוין שטאַרק אויסגענומען אויף עטלעכע אַרויסטריטן, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיינע רייזע־ברידער עולים דאָ, אין דעם טראַנזיט־אָרט — דערציילן מיר אַנדערע. זיין גרויסע האָפענונג איז אויך די שוועסטער זיינע, וואָס וואוינט אין ישראל, און וועלכע איז צוזאַמען מיט אים די איינציקע, וואָס זיינען פאַרבליבן פון זייער גאַנצער משפחה. זיין שוועסטער וואַרט אויף אים און זי וועט אים אַ סך העלפן זיך איינאָרדענען.

אַזוי גיי איך אַרום צווישן די עולים, וועלכע דאַרפן באַלד, אין דעם זעלבן פרימאָרגן, אָפּפאָרן פון דעם האַפן מיט דער שיף קיין ישראל. איך רעד מיט זיי, איך פרעג זיי אויס, און זיי ענטפערן מיר זייער גערן. זיי זיינען פול

מיט מוט און ענערגיע, גרייט זיך אַריינצוּוואַרפן גלייך אין דער אַרבעט — יעדער פון זיי אין זיין פּראָפעסיע — וואָס וואַרט שוין אַוודאי אויף זיי אין ישראל. זיי מאַכן אויך דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן שוין געהאַט די גייסטיקע הכשרה פאַר אָנהויבן זייער ניי ־לעבן אין אידישן היימלאַנד. און איך מיין, אַז עס איז טאַקע אַזוי. זיי פאָרן במנוחה צו אַ צוקונפט, וואָס זיי זיינען זיכער, אַז זי וועט זיין פאַר זיי במנוחה. זיי זאָרגן נישט קיין סך וועגן דעם, וואָס פאַר אַ דירה זיי וועלן קריגן אין ישראל. און זיי פרעגן אויך ניט וועגן דעם. זיי דערוואַרטן מיט צוטרוי, אַז זיי וועלן קריגן אַ גוטע וואוינונג. זיי ווייסן, אַז מען האָט שוין וועגן דעם געזאָרגט פאַר זיי.

***

אַרומגייענדיק צווישן די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף, שטויס איך זיך אויך אָן אויף אַזאַ באַגעגעניש:

איך באַמערק אַ פרוי, וואָס אויף איר פּנים דערקענט מען גלייך פון ערשטן בליק, אַז זי איז נישט קיין אידישע. זי זאָגט מיר אויך באַלד, אָן שום צוריקהאַלטן זיך, אַז זי איז אַ דייטשקע. זי באַגלייט קיין ישראל אַ אידישע פרוי פון פוילן, וועלכע האָט געוואוינט די לעצטע יאָרן אין דייטשלאַנד. זי איז געוואָרן נאָענט מיט דער אידישער פרוי אין דייטשלאַנד און פאָרט צוזאַ־מען מיט איר. זי זאָגט מיר, אַז זי האָט אַ סך געהערט און געלייענט וועגן דער אידישער מדינה, און אַז זי וואָלט געוואָלט וואוינען אין ישראל. זי דערוואַרט אויך, אַז מען וועט זי גוט אויפנעמען אין ישראל. ווייל — זאָגט זי מיר — עס איז באַקאַנט, אַז זי האָט אַרויסגעהאָלפן אַ סך אידן אין די היטלער־יאָרן. די דאָזיקע באַמערקונג מאַכט זי מיר, ווייל זי ווייס ווי אידן באַציען זיך צו דייטשן־נאַציס. אָבער זי האָפט, אַז מען וועט נישט זיין קעגן איר אין ישראל.

***

דאָס איז, זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַ גאַנץ באַזונדער און שטאַרק איינצל־נער פאַל. דער גרויסער רוב מנין ובנין פון די פּאַסאַזשירן אויף דער שיף זיינען נייע עולים. איך קען עדות זאָגן, אַז אַלע האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט אויף דעם לעצטן שטאַפּל פון זייער וועג קיין ישראל גוט אויפגעלייגט, אין אַ געהויבענער שטימונג. שטאַרק דערפרייענדיק איז אויך דער פאַקט, וואָס כמעט אַלע — מיטן אויסנאַם פון עטלעכע זקנים — זיינען זיי געווען אַ נויטיקער, פּראָדוקטיווער עלעמענט פאַר ישראל. זייער „קליטה" — איינאָרדע־נונג אין לאַנד — וועט נישט פאַרשטעלן מיט זיך קיין באַזונדערע שוועריקייט. אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי זיינען מעכאַניקער. פאַראַן אויך כעמיקער, דענטיסטן, דאָקטוירים.

מיינט דאָס ניט, אַז עס זאָלן שוין בכלל ניט זיין קיין דאגות דאָ, אין דעם טראַנזיט־אָרט, ביים איינאָרדענען די וויטערדיקע נסיעה פון די עולים גלייך קיין ישראל. עס זיינען נאָך אַלץ דאָ פאַרשידענע פּראָבלעמען. פאַר אַ צייט פון עטלעכע וואָכן האָט מען געמוזט פאַרלאַנגזאַמען אַ ביסל דאָס שיקן די עולים קיין ישראל און זיי איבערלאָזן לענגער אין די האָטעלן אין דעם טראַנזיט־אָרט. דאָס איז ניט געווען באַזונדערס באַקוועם, אָבער מען האָט עס געדאַרפט טאָן, ווייל אין ישראל, אין די ערטער וואוהין די נייע עולים ווערן געבראַכט, זיינען נאָך ניט געווען אינגאַנצן גרייט די דירות פאַר זיי. דער באַשלוס איז שוין פון לאַנג אָנגענומען געוואָרן און ווערט דורכגעפירט, אַז פון דער שיף אין האַפן פון חיפה, אָדער פון עראָפּלאַן אויפן לופט־פעלד אין לוד, ווערן די נייע עולים גלייך אַוועקגעפירט אין די שטענדיקע נייע דירות, אין די געגנטן פון לאַנד, וואָס זיינען פאַר זיי באַשטימט.

**
*

איך האָב זיך געזעגנט מיט דער גרופּע נייע עולים, וואָס זיינען גלייך אָפּגעשוואומען צו די ברעגן פון אידישן היימלאַנד. און כאַפּנדיק אויף זיי אַ לעצטן בליק, איז מיר איינגעפאַלן אַ מחשבה: וואָלט נישט געווען כדאי צו באַזוכן די גרופּע פריערדיקע עולים, וועלכע כ'בין בערך מיט אַ יאָר צוריק געגאַנגען זען ביי זייער אָנקומען שוין אין חיפה און האָב זיי פון דעם האַפן באַגלייט אין דער נייער ישראל־שטאָט, וואו זיי זיינען אויפגענומען געוואָרן און אַריינגעפירט געוואָרן אין די אייגענע דירות? ווי פילט זיך די דאָזיקע גרופּע עולים נאָך דעם ערשטן יאָר פון זייער לעבן און אַרבעטן אין דער אידישער מדינה? וואָס זיינען זייערע דערפאַרונגען, און וואָס וועלן זיי מיר איצט דערציילן?

איך בין טאַקע געפאָרן זיי זען. איך האָב געהאַט מיט אַ טייל פון זיי אינטערעסאַנטע און רירנדיקע שמועסן, וואָס האָבן מיר געגעבן אַ בילד וועגן דעם אַלגעמיינעם מצב און וועגן די הערשנדיקע שטימונגען צווישן די נייע עולים אין ישראל. איך וועל זיך צוריקקערן צו דעם אין אַ וויטערדיקן קאַפּיטל.

יאַנואַר 1965

די ערשטע שעה׳ן אין ישראל

די פרוי פון עגיפטן מיטן מאַן און פינף קינדער, וועלכע איך האָב באַגלייט פון דער שיף אין חיפה אין איר דירה, אין וועלכער מען האָט זי אַריינגעפירט, האָט זיך צעוויינט פון דער שטאַרקער איבערלעבונג. גלייך דעם זעלבן אָוונט נאָך איר אָנקומען קיין ישראל — אויף וואָס זי האָט געוואַרט אַזוי לאַנג — האָט זי געהאַט מיט אירע קינדער אַ דאַך איבערן קאָפּ. איר באַקוועמע דירה פון דריי צימערן, אין אַ נייעם מאָדערנעם הויז, האָט שוין געוואַרט אויף איר. מען האָט איר געגעבן דעם שליסל. עס איז שוין געווען איר היים. און אינעווייניק, אין דער דירה, האָט זי אויך געפונען שוין די ערשטע נויטיקסטע מעבל, בעטן מיט אַ טיש, מיט בענקלעך. און שפּייז איז אויך געווען גרייט אין אַ ווינקל אויף עטלעכע טעג.

זי האָט זיך זיכער נישט גערעכנט אויף דעם אַלעם. „בעסער אויפנעמען קען מען ניט!״ — האָט זי מיר געזאָגט מיט טרערן.

„מערסי, מערסי!״ (אַ דאַנק!) „מערסי דע טו מאָן קער!״ (אַ דאַנק פון מיין גאַנצן האַרצן!) — האָט זי געהאַלטן אין איין איבערחזרן אין איר מוטער־שפּראַך פראַנצויזיש, כליפּענדיק פון נחת און פון גרויס איבערראַשונג.

און אירע קינדער — דער עלטסטער איז דרייצן יאָר אַלט — זיינען אַרומגעלאָפן מיט פרייד פון איין חדר אין דעם צווייטן, פון איין ווינקל אין צווייטן, אין דער גרויסער דירה. און דאָס קליינע מיידעלע, מיט דער פּופּע אין האַנט, האָט אָנגעפילט די נייע היים מיט אירע פריילעכע, צעזונגענע קולות.

אַ גאַנצע אידישע משפחה, וואָס איז ערשט נעכטן־אייערנעכטן געווען רואינירט, צעבראָכן, היימלאָז, פאַרלוירן — איז שוין אויפגעריכט געוואָרן אין מדינת ישראל, אין פאַרלויף פון עטלעכע געציילטע שעה.

און איך האָב דעם נאָכמיטאָג און דעם אָוונט געזען אין חיפה — און אויף די ערטער, וואו איך האָב באַגלייט די ניי־געקומענע עולים — עטלעכע הונדערט אַזעלכע אויפגעריכטע אידישע משפחות. פון אַרום צוואַנציק פאַר־שידענע לענדער, פון אַלע ערד־טיילן, זיינען זיי געקומען מיט דער שיף. און בלויז אין עטלעכע שעה אַרום האָבן זיי אַלע שוין געהאַט זייערע היימען אין פאַרשידענע שטעט און שטעטלעך און דאָרפישע ישובים איבערן לאַנד.

אַזוי נעמט מען איצט אויף עולים אין ישראל. דירות שטייען גרייט. די ערשטע הילף איז באַזאָרגט. און דאָרט, אין זייערע נייע וואוין־ערטער, זיינען

פאַראַן גוטע, איבערגעגעבענע עליה־שליחים, פאַרשטייער פון דער „הסתדרות", וואָס פאַרנעמען זיך מיט די ניי־געקומענע, רינגלען זיי אַרום מיט וואַרעמקייט, מיט היימישקייט, פירן זיי באַלד אַריין אין אידישן היימלאַנד, ווי גלייכע מיט גלייכע.

דאָס איז שיבת ציון. דאָס מיינט צוריקקומען אַהיים. צוריקקומען אין אויסגעלייזטן, אויפגעריכטן אידישן היימלאַנד.

***

שטייען עליה־פאַרשטייער אין דעם גרויסן האָל פון האַפן אין חיפה מיט לאַנגע רשימות, וואָס זיי האָבן פאַר זיך. יעדע עולים־משפחה, וועלכע קומט אַראָפּ פון דער שיף, איז דאָ פריער שוין פאַרשריבן. און יעדער ניי־געקומענער ווערט אויפגענומען ברידערלעך, האַרציק. פאַר יעדער פון די נייע עולים־פאַמיליעס איז שוין באַשטימט דאָס אָרט מיט דער דירה, וואָס וואַרט אויף זיי, און וואוהין זיי האָבן געקענט גלייך אָפּפאָרן פון האַפן אין חיפה.

עס טרעפט אויך אַמאָל, אַז אַן עולים־משפחה איז ניט צופרידן פון דעם אויסקלייב פון דעם אָרט, וואו זיי דאַרפן זיך באַזעצן אין לאַנד. זיי האָבן קרובים אין אַן אַנדערער שטאָט, אָדער שטעטל און ווילן זיין צוזאַמען מיט זיי. עס קומט צו אַן איבעררייד מיט דעם פאַרטרעטער פון דעם עליה־אַמט. איך האָב בייגעוואוינט עטלעכע אַזעלכע סצענעס.

פאַר אַ משפחה, וואָס שטאַמט פון אַלזשיריע, איז באַשטימט געוואָרן אַ דירה אין ראשון לציון. אָבער די פרוי האָט אַ שוועסטער אין נתניה, און זי מיטן מאַן און מיט אירע קינדער האָבן דורכאויס פאַרלאַנגט, אַז זיי זאָלן קענען וואוינען אין נתניה. דאָס איז ניט אַזוי לייכט נאָכצוגעבן. און דער פאַרשטייער פון עליה־אַמט האָט עס מיר דערקלערט. ער האָט דאָס געטאָן אַליין, הגם איך האָב אים נישט געבעטן און נישט געפרעגט, פאַרוואָס ער איז נישט אַזוי נאָכגיביק צו דערפילן די בקשה פון דער אַלזשירער אידישער משפחה. עס איז אים געגאַנגען וועגן דעם, אַז איך זאָל ניט קריגן דעם איינדרוק, אַז ער האַנדלט אַזוי פון זיין שלעכטן ווילן.

„אין נתניה איז היינט אין אָונט ניטאָ קיין פרייע דירה" — האָט ער מיר געזאָגט — „און מיין אַחריות איז צו שיקן די נייע עולים אויף אַ זיכער אָרט, וואו זיי זאָלן גלייך האָבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און זיך פילן אין דער היים".

אַזוי זאָרגט מען איצט פאַר די נייע עולים אין ישראל. און סוף־כל־סוף קומט מען דורך אויך אין אַזעלכע סכסוכים, ווי מיט דער משפחה פון אַלזשיריע.

און ווען מען איז אַן עד־ראיה פון דעם אַלעם — אַזוי ווי איך האָב עס צוגעזען דעם נאָכמיטאָג אין האַפן פון חיפה — קען מען זיך ניט גענוג אָפּחידוש'ן פון דער גוטער אָרגאַניזירונג, פון דעם ברידערלעך־האַרציקן אופן, ווי די ניי־געקומענע עולים ווערן באַגעגנט און אויפגענומען.

**
*

„דאָס איז ניט אַזוי פּשוט. איך האָב דאָ פּראָבלעמען אויף פּראָבלעמען" — זאָגט מיר דער יונגער ראש־העיר פון דער שטאָט קרית־ים, וואוהין איך האָב דעם אָוונט באַגלייט אַ גרופּע פון די ניי־געקומענע עולים־משפּחות און בין מיט זיי צוזאַמען אַריינגעגאַנגען אין זייערע נייע דירות, וועלכע האָבן שוין געוואַרט אויף זיי.

קרית־ים איז שוין אַ היפּשע שטאָט, וואָס איז אויפגעשטאַנען ביים ברעג פון מיטללענדישן ים, אויפן זאַמד, אין עמק זבולון, אויף צפון פון חיפה. איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין דער שטאָט. קרית־ים איז אַ שטאָט פון נייע עולים.

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. אָבער דער ראש־העיר איז נאָך געזעסן אין זיין ביוראָ. ער געפינט זיך דאָ תמיד, ווען עס קומט אָן אַ גרופּע פון נייע עולים. און דאָס איז איצט אין זיין שטאָט אַ טאָג־טעגלעכע געשעעניש. בעת איך בין געווען אין קרית־ים, האָט מען די באַפעלקערונג פון דער שטאָט אָפּגעשאַצט אויף אַן ערך פופצן טויזנט נפשות. אָבער אויב קרית־ים ציילט היינט פופצן טויזנט איינוואוינער, וועלן מאָרגן זיין פופצן טויזנט מיט צען אָדער מיט פופצן, און איבערמאָרגן פופצן טויזנט מיט דרייסיק. און אַזוי מערט זיך, קיין עין־הרע, די באַפעלקערונג פון דער שטאָט.

„נישט נאָר די גאָר גרויסע שטעט נעמען־אויף נייע עולים" — זאָגט מיר דער יונגער, ענערגישער ראש־העיר — „די 'קליטה' (איינצואָרדענען נייע עולים) מאַכן מיר. איר האָט היינט געהאַט פאַר זיך דאָס בילד פון דעם אָנקומען פון אַ גרופּע. אָבער דאָס איז ערשט דער אָנהויב פון אונזערע דאגות, וואָס מיר האָבן מיט די ניי־געקומענע".

דער ראש־העיר — בנימין אפרת איז זיין נאָמען — רעדט מיט אַ פעסטן טאָן, ווי אַ מענטש, וועלכער איז גוט באַהאַוונט מיט זיינע אויפגאַבן. און איך האָב זיך באַלד אין דעם איבערצייגט.

„ווען עס קומט היינט אָן אַ עולים־משפּחה מיט זעקס קינדער, מיינט דאָס פאַר אונז — אַ חוץ דעם, וואָס מיר גיבן זיי די אַנטשפּרעכנדיקע דירה פאַר דער גרויס פון דער פאַמיליע — אַז מאָרגן דאַרפן מיר פאַר די קינדער געפינען ערטער אין אונזערע שולן. עס מיינט ווייטער, אַז גאָר אינגיכן וועלן מיר דאַרפן

אויפשטעלן אַ נייע שול. די מערסטע פון די עולים קומען איצט מיט עטלעכע קינדער, קיין עין־הרע. עס מיינט אויך, אַז מיר דאַרפן טראַכטן וועגן נייע לערער. און ווען עס איז פאַראַן אַ קראַנקער, אָדער אַ קראַנקע אין דער משפחה, דאַרפן מיר גלייך זאָרגן וועגן זיי. און מיר זאָרגן. מיר האָבן גרייט אונזערע סאָציאַלע אינסטיטוציעס. פאַר די דערוואַקסענע דאַרפן מיר געפינען אַרבעט. די ניי־געקומענע עולים־משפחות דאַרפן מיר אַריינפירן אין דער נייער פאַר זיי סביבה אין דער שטאָט. דאָס אַלץ זיינען — ווי איך האָב אייך געזאָגט אין אָנהויב — פּראָבלעמען אויף פּראָבלעמען. מיר האָבן פאַר זיך ניט סתם אַן אויפגאַבע פון איינאָרדענען נייע עולים. מיר האָבן מאַטעריעלע, פיזישע, גייסטיקע, דערציערישע, פסיכישע פּראָבלעמען. עס איז אַ גאַנצע וויסנשאַפט, גלויבט מיר״.

געוויס גלויב איך אים. און נאָך אַ זיכערער איינדרוק, וואָס איך באַקום, איז — אַז אָט־דער יונגער ראש־העיר, וועלכער רעדט מיט אַזאַ שטאַרקער באַהאַוונטקייט, און אויך מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט וועגן זיין שווערער אַרבעט פון איינאָרדענען די נייע עולים, איז אויסגעצייכנט אויף זיין אַמט. מיט אַזעלכע אָנפירער פון דער „קליטה״, קען מען זיין רואיק, אַז די קאָמ־פּליצירטע אויפגאַבע וועט דורכגעפירט ווערן מיט הצלחה און אַז די נייע עולים וועלן טאַקע ניט בלויז אַריינגעפירט ווערן אין זייערע נייע באַקוועמע הימען, נאָר אַז זיי וועלן אויך גלייך ווערן היימיש אין דער נייער שטאָט מיט אידן, וואָס זיינען געקומען פון אַזוי פיל פאַרשידענע לענדער מיט אַזעלכע פאַרשידענע פיזישע און גייסטיקע קלימאַטן.

„איר ווייסט״ — זאָגט מיר ווייטער דער ענערגישער, איבערגעגעבענער ראש־העיר פון קרית־ים — „מיר האָבן דאָ געהאַט, און מיר האָבן דאָ אויך איצט, צוויי מדבריות. איין מדבר איז געווען דאָס אָרט גופא, וואו אונזער שטאָט איז אויפגעבויט געוואָרן. וואָס האָט זיך דאָ געפונען פריער? זאַמד און זאַמד. אויף די זאַמדן האָבן מיר אויפגעבויט הייזער. פון די הייזער איז אויפגעוואַקסן אַ שטאָט. די הייזער שטייען פעסט. איר האָט זיי געזען. די שטאָט וואַקסט כסדר. איר האָט אַוודאי אויך דאָס באַמערקט. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַזוי שווער צו טאָן. מען דאַרף האָבן מיטלען. און אַז מען קריגט די מיטלען, קען מען אויפשטעלן די הייזער. שווערער איז דער צווייטער מדבר, דער גייסטיקער מדבר, וואָס עפנט זיך פאַר אונז, ווען מיר נעמען־אויף עולים פון אַזעלכע פאַרשידענע עדות און שבטים אידן. אויף אָט־דעם גייסטיקן מדבר דאַרף מען אויפבויען איין קיבוץ, איין פאָלק, וואָס זאָל זיין אינערלעך גאַנץ, וואָס זאָל זיך פאַרשטיין ווי געהעריק און צונויפלעבן״.

און ווען דער ראש־העיר האָט געהאַלטן אַזוי אינמיטן דערקלערן די

פאַרשידענע שווערע אויפגאַבן זיינע, האָט פון דער גאַס, אונטן, זיך דערטראָגן דורכן אָפענעם פענסטער אין דעם קילן נאָוועמבער־אָוונט אַ טומל, אַ געשריי.

„איר זעט, איר הערט — אויך דאָס איז מיינער אַ פּראָבלעם. עס דאַרפן ניט זיין אַזעלכע טומלען מיט אַזעלכע קולות אויף די גאַסן. מען דאַרף דערפון גלייך פאַרהיטן. אָבער זייט ניט אַזוי באַאומרואיקט. איך פאַרזיכער אייך, אַז ווען איר וועט קומען אַהער נאָכאַמאָל, אַפילו אין אַ קורצער צייט אַרום, וועלן די וועלכע קענען זיך נאָך היינט ניט צונויפרעדן, די וועלכע קריגן זיך נאָך היינט אַרום, שוין לעבן פרידלעך צווישן זיך און זיך פאַרשטיין. איר וועט די אַלע עולים, וועלכע איר האָט היינט אין אָוונט געזען אַריינפירן אין זייערע נייע היימען, ניט דערקענען. אויב זיי זיינען נאָך היינט אין אָוונט געווען צערודערט, עמאָציאָנעל אפשר נאָך שוואַך און וואַקלדיק, וועט איר זיי געפינען באַרואיקטע, מוטיקע, ציל־באַוואוסטזיניקע. זיי וועלן האָבן צוריקגעוואונען דעם טעם פון לעבן און וועלן זיך פילן זיכער אויף זייערע ערטער און אין זייער אייגענעם קיום אין דער מדינה. איר וועט אויך די קראַנקע און זקנים, וואָס איר האָט היינט אָוונט געזען צווישן די נייע עולים, ניט דערקענען. אויך זיי וועלן אויפגעריכט ווערן מיט אַ נייעם אינהאַלט און נייעם ציל אין זייער לעבן".

איך האָב געהאַט גרויס נחת פון מיין געשפּרעך מיט דעם יונגן ענערגישן פירער פון דער שטאָט פון נייע עולים. איך האָב געוואוסט — און מען האָט עס מיר שפּעטער אויך באַשטעטיקט אין דער שטאָט, צווישן די איינוואוינער גופא — אַז דאָס זיינען ניט בלויז ווערטער, נאָר טאַקע מעשים, און וואונדער־לעכע מעשים. איך האָב זיך געזעגנט מיט דעם ראש־העיר פון קרית־ים אונטער דעם שטאַרקן רושם, אַז אָט שטייט פאַר מיר דער ריכטיקער מאַן אויף זיין ריכטיקן פּאָסטן. איך האָב אַ סך אַזעלכע איבערגעגעבענע און דער־פאַרענע אָנפירער פון דער „קליטה" באַגעגנט אויף מיין נסיעה איבערן לאַנד, אין די נייע און אויך אין די אַלטע ישובים. און מיט גרויס צופרידנקייט האָב איך געקענט דעם דאָזיקן דערפרייענדיקן און שטאַרק־דערמוטיקנדיקן איינדרוק מיינעם איבערגעבן אין די געשפּרעכן, וואָס איך האָב געהאַט מיט די פירער פון דער רעגירונג אין ירושלים.

קרית־ים איז נאָר איין ביישפּיל. איך בין אַרומגעפאָרן איבער פיל אַנדערע ערטער אין לאַנד, וואו עס ווערן אויפגענומען און איינגעאָרדנט די נייע עולים. איך בין געווען אין נייע ישובים אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד, וואָס ווערן ערשט איצט געבויט.

נאָוועמבער 1963

מיט דיזעלבע עולים אַ יאָר שפּעטער

קריתּ־ים — די נייע שטאָט ביי חיפה, וואָס איז אויפגעשטאַנען ביים ברעג פון מיטללענדישן ים, אויפן זאַמד אין עמק זבולון, איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, זינט איך בין דאָ געווען פאַראַיאָרן. עס איז אַ שטאָט, וואָס בלויז נייע עולים האָבן זי אַנטוויקלט און אויפגעבויט. ווען איך בין געווען אין פאַרגאַנגענעם יאָר אין קריתּ־ים, האָט מיר דער ענערגישער, איבערגעגעבענער ראש־העיר, בנימין אפרת, געזאָגט, אַז ער האָט אין זיין שטאָט אַ באַפעלקערונג פון פופצן טויזנט נפשות. היינט דערנענטערט זיך שוין די צאָל איינוואוינער פון קריתּ־ים צו צוואַנציק טויזנט. ווי פאַראַיאָרן, אַזוי אויך איצט, וואַקסט די עולים־שטאָט מיט יעדן טאָג. נייע אונטערנעמונגען — אַלץ קומט דאָ צו. און עס איז אַ מאָדערנע שטאָט, וועלכע וואָלט זיך ניט געהאַט מיט וואָס צו שעמען אין קיין שום שוין אַנטוויקלטער מדינה.

איך בין געקומען אין דער שטאָט צו זען זיך און שמועסן מיט „אַלטע באַקאַנטע”. די אַלטע באַקאַנטע זיינען די עולים, מיט וועלכע איך בין פאַראַיאָרן מיטגעפאָרן אַהער פון דער שיף אין חיפה, וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען, און האָב זיי אַריינבאַגלייט אין די נייע היימען, אין די באַקוועמע הייזער, וואָס זיינען שוין דאַן געווען צוגעגרייט פאַר זיי. איך האָב געוואָלט וויסן, ווי פילן זיי זיך איצט, ווי זיינען זיי געשטימט און וואָס וועלן זיי מיר זאָגן איצט, נאָכדעם ווי זיי וואוינען שוין אַ יאָר צייט אין דער אידישער מדינה.

דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט, איך האָב געטראָפן אויף דער גאַס — אין דער געגנט, וואו איך האָב זיך פאַראַיאָרן אָפּגעשטעלט — דאָס זעלבע קינד, דאָס קליינע מיידעלע, וועלכע איז דאַן געווען איבערפולט מיט פרייד באַלד, ווען מען האָט זי געבראַכט אַהער, און האָט אויסגערופן: „אַ, איך וועל זיך דאָ קענען באָדן אין ים!” דאָס מיידעלע איז אַ קינד פון עלטערן, וועלכע שטאַמען פון עגיפּטן. געוויס האָבן זיי געוואוינט אין מצרים אין אַ געגנט נאָענט צום ים. און דאָס קינד האָט ליב דעם ים. זי האָט מיך דערקענט.

„יאָ, יאָ, איך בין טאַקע די זעלבע!” — זאָגט זי מיר מיט אַ זיסן שמייכל, און זי הויבט מיר אָן גלייך צו דערציילן, וואָס זי האָט דורכגעמאַכט אין דעם יאָר, און ווי זי פילט זיך איצט. זי דערציילט מיר אויך וועגן אירע עלטערן.

געוויס קען זי שוין העברעאיש, זי לערנט אין שולע, פונדעסטוועגן איז איר נאָך לייכטער צו רעדן פראַנצויזיש, און מיר פירן אונזער לעבהאַפטן

שמועס — לעבהאַפט אַ דאַנק דעם קליינעם קינד — אויף דער שפּראַך פון וויקטאָר הוגאָ:

„מיין טאַטע אַרבעט און פאַרדינט" — זאָגט זי מיר — „די מאַמע איז אין דער היים. מיר זיינען גוט איינגעאָרדנט. איצט וואָלטן מיר געדאַרפט האָבן אַ גרעסערע וואוינונג, עס איז צו־ענג. אונזער מעבל איז צו־גרויס, און עס איז שווער זיך אַ ריר צו טאָן. טאַטע־מאַמע האָבן איינגעקויפט נייע שיינע מעבל. וואָלט איר אפשר געוואָלט אַ קוק טאָן?"

איך פרעג זי, וואָס איז מיט איר אַליין, ווי פילט זי זיך דאָ אין דער נייער היים.

„אין דער שולע איז גוט" — ענטפערט זי מיר — „מען לערנט גוט. איך בין צופרידן. אָבער איך האָב ניט קיין סך חברים. מיט די מיידלעך קען איך נאָך זיין צוזאַמען און פאַרברענגען, אָבער ניט מיט די אינגלעך. זיי זיינען ניט אַלעמאָל איידל, זיי רעדן ניט קיין שיינע ווערטער. קענט איר אפשר עפּעס העלפן וועגן דעם?"

„אָבער אַזוי ביסטו צופרידן?" — לאָז איך ניט אָפּ דאָס סימפּאַטישע קינד, וואָס רעדט מיט אַ סך פייער אין די שיינע אויגעלעך.

„יאָ, שטאַרק צופרידן!"

איך טרייסט זי, אַז עס וועט אויך בעסער ווערן מיט די אינגלעך, זיי וועלן זיך אויסשפּיינבען, וואָס לענגער זיי וועלן זיין אין לאַנד און לערנען אין דער שולע.

עס קומט־צו צו אונז אַ שכן פון דעם זעלבן הויז, אַ יונגערמאַן, וועלכער גייט אַהיים פון דער אַרבעט און איילט זיך צו זיין משפחה. אויך אים האָב איך, דאַכט זיך, געזען פאַראַיאָרן, ווען ער איז אָנגעקומען אַהער. מיר שמועסן זיך פונאַנדער אויף דער גיך, שטייענדיק אַזוי ביים אַריינגאַנג אין דעם הויז.

ער זאָגט מיר, אַז מאַטעריעל איז ער שוין איינגעאָרדנט. ער אַרבעט און פאַרדינט גוט. ער מיט זיין פרוי און מיט זייערע דריי קינדער, אויך מיט דער מאַמען, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, באַקלאָגן זיך ניט וואָס איז שייך זייער עקאָנאָמישן צושטאַנד. די קינדער לערנען גוט און רעדן שוין העברעאיש.

ער פאַרבעט מיך צו זיך אין דער דירה. איך שמועס שוין מיט דער גאַנצער משפחה, וועלכע שטאַמט פון אַרגענטינע און האָט עולה געווען פאַראַיאָרן פון בוענאָס־איירעס. אַלע — דער מאַן, די פרוי, אויך די מאַמע — זאָגן מיר, אַז זיי זיינען צופרידן פון דער דירה, וואָס זיי האָבן באַקומען פאַראַיאָרן, זיי וואוינען באַקוועם. די קינדער פאַרשאַפן זיי אַ סך נחת. אין בוענאָס־איירעס האָבן זיי געלערנט אין דער שלום־עליכם־שול, דאָ גייען זיי אין דער רעגירונג־שול, צוזאַמען מיט אַלע קינדער. אַלץ איז מער־ווייניקער בסדר.

אָבער אויך דער יונגערמאַן זאָגט מיר, אַז עס פעלט אים די סביבה, צו וועלכער ער איז געווען צוגעוואוינט אין בוענאָס־איירעס, עס איז אַ נייע אַטמאָספּערע. די עולים אין דער שטאָט זיינען געקומען פון די פאַרשידנסטע לענדער, און עס איז אים נאָך שווער צו באַפריינדען זיך נאָענט מיט זיי. זיי זיינען פון אַן אַנדערער מענטאַליטעט, שיער ניט פון אַן אַנדערער וועלט — זאָגט ער מיר. און וואָס עס פעלט אים דאָ, איז צו האָבן גוטע פריינט, היימישע חברים.

זיין פרוי באַקלאָגט זיך ווייניקער אויף דעם. זי זאָגט מיר, אַז זי האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו די שכנים, וועלכע זיינען מערסטנס אָריענטאַלישע אידן. „זיי זיינען אָנשטענדיקע מענטשן", דערקלערט זי מיר, „אַז זיי זאָגן עפּעס צו, האַלטן זיי וואָרט".

ס'זעט אויס, אַז דער פרוי קומט־אָן לייכטער זיך צו אַקלימאַטיזירן ווי דעם מאַן. ווען איך געזעגן זיך מיט דער משפּחה, זאָגט ער מיר נאָך אַלץ, אַז עס איז אים דאָ שווער אָן נאָענטע פריינט. „און אַ גוטן פריינט געפינט מען ניט פון היינט אויף מאָרגן", גיט ער צו.

***

איך גיי אַראָפּ צוריק אין גאַס, דער אָוונט איז שוין צוגעפאַלן. אין דער שטאָט, וואָס ליגט האַרט ביים ים, ווערט שטאַרק קיל. אָבער, דער פּאַרקער איז אַ לעבהאַפטער, און ס'איז טומלדיק. אַ גרופּע יונגע מיידלעך גייט גיך פאַרביי. איך הער, ווי זיי רעדן הויך, אין אַ שיין־קלינגענדיקן העבּרעאיש. איך פאַרשטיי פון זייערע רייד, אַז זיי איילן זיך צו אַ לעקציע פון אַ פּראָ־פעסאָר פון ירושלים, וואָס איז אַראָפּגעקומען צו זיי דעם אָוונט.

די אַלע מיידלעך קענען זיך געפינען אין מדינת ישראל העכסטנס אַ יאָר צוויי־דריי, און שוין האָבן זיי זיך „איינגעבירגערט" אין דעם גייסטיקן לעבן פון לאַנד.

שכנים באַגעגענען זיך און שטעלן זיך אָפּ. זיי רעדן אויף אַ שפּראַך, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט פון אייראָפּע. איך פאַרשטיי, אַז זיי זיינען לאַנדסלייט, און איך הער, אַז בסך־הכל איז נאָך ניטאָ קיין יאָר, זינט זיי האָבן עולה געווען קיין ישראל. איך פאַרהאַלט עטלעכע פון זיי און פּרואוו זיי אויספרעגן, ווי זיי פילן זיך און ווי אַזוי זיי האָבן זיך איינגעאָרדנט. אַלע, אָן אַן אויסנאַם, ענט־פערן מיר, אַז זיי האָבן אַרבעט און פאַרדינען ניט שלעכט. איינער זאָגט מיר, אַז ער איז באַשעפטיקט אויף דער עלעקטרישער סטאַנציע אין חיפה. אַ סך פאָרן פון קרית־ים אַרבעטן אין חיפה, וואָס איז נאָענט פון דאַנען און מיט

וועלכער עס איז איינגעפירט געוואָרן אַ רעגולערע און באַקוועמע קאָמוניקאַציע.

איך טראָג אַרויס דעם איינדרוק פון די קורצע שמועסן, אַז וואָס איז שייך קריגן אַרבעט און ציען חיונה איז בכלל ניטאָ ביי זיי קיין פּראָבלעם. און אויף די באַדינגונגען, אין וועלכע זיי און זייערע משפּחות וואוינען, האָבן זיי אויך ניט אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן. זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין באַקוועמע דירות, וועלכע זיי אַליין הויבן שוין איצט אָן אויסצומעבלירן שענער און באַפּוצן — ווי דאָס טוען די עלטערן פון דעם מיידל, מיט וועמען איך האָב גערעדט. אַזוי, אַז אין אַלגעמיין, איז די „קליטה" — די איינאָרדענונג — פון די דאָזיקע נייע עולים ניט צוגעגאַנגען שווער. שוין אין דעם ערשטן יאָר שטייען זיי אַליין אויף די פיס. איך הער אויך שפּעטער אַ לויב־וואָרט וועגן אָט־די נייע איינוואוינער פון קרית־ים. מען זאָגט מיר, אַז ווען עס קומען איצט אָן אַהער נייע עולים — און זיי קומען יעדע וואָך — זיינען די בירגער פון דער שטאָט, וועלכע וואוינען דאָ קוים אַ יאָר צייט, די וואַרעמסטע מכניסי אורחים. זיי העלפן שוין די ניי־אָנגעקומענע איינצואָרדענען זיך ווי אַמגיכסטן. פאַראַיאָריקע עולים נעמען־אויף די איצטיקע.

די היימישע סביבה שאַפט זיך טאַקע שווערלעך, ווי עס האָבן זיך דאָ באַקלאָגט פּאָר מיר מיינע באַקאַנטע פון פאַראַיאָרן, אָבער העלפן, העלפט איינער דעם אַנדערן, און מיט דער צייט וועלן זיי אויך אַוודאי ווערן גייסטיק נאָענט איינער מיט דעם אַנדערן, דאָס איז דער פּראָצעס פון מיזוג־גלויות. ער איז ניט לייכט, און עס מוז נעמען צייט. מען קען אַפילו ניט פאָדערן און ניט דערוואַרטן, אַז אין משך פון איין יאָר זאָלן די אַלע פאַרשידענע שבטים אין דער עולים־שטאָט קרית־ים געפינען אינגאַנצן אַ געמיינזאַמע שפּראַך און באַפרייט ווערן פולשטענדיק פון דער גייסטיקער פרעמדקייט, וועלכע קומט פון לעבן אָפּגעזונדערט אין פאַרשידענע וועלט־טיילן, מיט פאַרשידענע מענטאַליטעטן און מנהגים, שטאַרק וויט איינער פון אַנדערן — כרחוק מזרח ממערב.

***

דעם פאָרזיצער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון קרית־ים, דעם ראש־העיר בנימין אפרת, מיט וועמען איך האָב זיך באַקענט און געהאַט אַ לענגערן געשפּרעך פאַראַיאָרן, האָב איך דאָס מאָל ניט געהאַט קיין געלעגנהייט צו באַגעגענען, אָבער איך קען עדות־זאָגן, אַז עס האָבן זיך באַשטעטיקט זיינע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר בעת מיין באַזוך ביי אים אין פאַריקן יאָר. ער האָט מיר דאַן פאַרזיכערט, אַז ווען איך וועל קומען

אַהער נאָכאַמאָל אַפילו אין אַ קורצער צייט אַרום, וועל איך געפינען די נייע עולים באַרואיקטע, מוטיקע, ציל־באַוואוסטזיניקע, און אַז זיי וועלן האָבן צוריקגעוואונען דעם טעם פון לעבן.

ער איז געקלערט געווען, דער יונגער, ענערגישער ראש־העיר פון קרית־ים, און דאָס, וואָס ער האָט מיר דאַן געזאָגט, איז זיכער אויך ריכטיק בנוגע די נייע עולים, וועלכע קומען איצט אַריין אין דער שטאָט און וואָס געפינען אויך צוגעגרייטע דירות און היימען אַ דאַנק דער גוטער אָרגאַניזירונג פון דער עליה דורך דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און אַ דאַנק דער הילף, וואָס אידן אין חוץ־לארץ גיבן דורך דעם קרן היסוד און פאַראייניקטן אידישן אַפּיל פאַר באַזאָרגן די נייע עולים. דאָס איז אַ הייליקע פאָלקס־אַרבעט, וואָס ווערט איצט געטאָן יעדן טאָג אין מדינת־ישראל. און געבענטשט זאָל זי זיין — די עליה, וואָס גייט כסדר! זי ברענגט אַריין וואוילזיין אין לאַנד און באַקרעפטיקט די צוקונפט פון דער מדינה.

יאַנואַר 1965

צווישן קינדער פון נייע עולים אין נגב

דאָס קליינע מיידל, וואָס איך האָב אָפּגעשטעלט אינדערפרי אויף דער גאַס אין דימונה, איידער דאָס קינד איז אַריינגעגאַנגען אין דער שול אויף אַ גאַנצן לערן־טאָג, האָט מיט מיר גערעדט, מיט אַ סך יונגן פייער אין אירע בלויע אויגן. איך האָב באַלד זיך דערוואוסט, אַז זי שטאַמט פון טשענסטאָכאָוו, פוילן. בסך־הכול איז זי מיט אירע עלטערן נאָך נישט קיין גאַנץ יאָר אין לאַנד. דער טאַטע האָט אַ געוועלב, די מאַמע אַרבעט.

„און מיר זיינען צופרידן" — שרייט זי כמעט אויס צו מיר — „באַרדזאָ זאַדאָוואָלעני!" („זייער צופרידן").

זי רעדט נאָך פויליש מיט מיר, איר פריערדיקע מוטער־שפּראַך. אָבער זי קאָן זיך שוין באַנוצן אויך פריי מיט העברעאיש. איך האָב זי אויף־דערגיך געפרעגט, ווי געפעלט איר דאָס לערנען אין שולע.

„מען לערנט זייער גוט, אַלץ ווי אין תל־אביב!" — האָט דאָס קליינע מיידל אַקצענטירט און איז אַריין אין דעם נייעם מאָדערנעם שול־בנין.

דאָס באַטאָנען, „אַלץ ווי אין תל־אביב" האָט אַ טיפן הינטערגרונט. קינדער זאָגן־נאָך, וואָס די עלטערן רעדן. ביי די מערסטע נייע עולים איז פאַראַן דער תל־אביב־קאָמפּלעקס. כמעט אַלע רייסן זיי זיך אין די גרעסערע שטעט. כמעט אַלע מיינען זיי, אַז אויב זיי וועלן ניט וואוינען אין תל־אביב, אָדער אין חיפה — ירושלים פאַרנעמט אַ גאַנץ באַזונדער אָרט — וועט זיי עפּעס פעלן אין זייער לעבן. עס איז אָבער נישט געזונט פאַרן לאַנד, און אויך נישט פאַר די ניי־געקומענע עולים גופא, אַז זיי זאָלן אַריינגעשטופּט ווערן אין די געדיכט־באַפעלקערטע שטעט. און פאַר די קינדער איז עס אוודאי נישט געוואונטשן. איך האָב געזען, בעת מיין נסיעה איבערן לאַנד, ווי קינדער וואַקסן־אויס שיין, געזונט, נאַרמאַל און טאַקע גוט־דערצויגן און געבילדעט, אין די נייע שטאָטישע ישובים, וואָס בויען זיך ערשט, און אין די קיבוצים.

אָבער פון דעם תל־אביב־קאָמפּלעקס איז נישט לייכט זיך צו באַפרייען. דאָס פירט צו פּראָבלעמען און אומגעזונטע אַנטוויקלונגען. בין איך געווען צופרידן, זייער צופרידן צו הערן פון דעם מויל פון קליינעם, קלוגן און חנ׳עוודיקן מיידל אין דימונה, אַז פאַר איר, אַזוי ווי זי זעט עס און פאַרשטייט, איז אין איר שולע „אַלץ ווי אין תל־אביב".

***

וועגן דימונה דאַרף מען שוין איצט קיין סך נישט שרייבן. די ניי־אויפ־געשטאַנענע שטאָט, אינמיטן מדבר פון נגב, אויף אַ מהלך פון פינף־און־דרייסיק קילאָמעטער ווייטער פון באר שבע אויפן וועג קיין סדום, האָט זיך שוין דערוואָרבן איר גוטן נאָמען. איך וועל נאָר דערמאָנען, אַז נאָך מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אַרומגעגאַנגען אין ישראל — און אויך אין חוץ לארץ — אַ גוט־מוטיקער וויץ: „אל תקרא דימונה, אלא דמיונה״. מען זאָל נישט רופן די שטאָט „דימונה״, נאָר „דמיונה״, וואָס מיינט אין העבראיש פאַר־גרייזט פון דעם וואָרט „דמיון״, פאַנטאַזיע, אילוזיע.

די שטאָט דימונה איז שוין איצט גאָר קיין פאַנטאַזיע נישט. איר קומט אַריין אין אַן אָרט, וואָס איז פול מיט לעבן. איר פאָרט איבער ברייטע גאַסן, וואו עס שטייען מאָדערנע, שיינע הייזער. איר זעט גרויס־שטעטישע געשעפטן. איר שטעלט זיך אָפּ ביי פאַבריק־געביידעס. דימונה איז במשך פון אַ קורצער צייט אויסגעוואַקסן אַ שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג, וואָס ציילט איצט איבער זיבעצן טויזנט נפשות, און מיט אַ גאַנץ באַדייטנדיקער אינדוסטריע, וואָס פאַרגרעסערט זיך אויך כסדר. די אינוועסטירונגס־געלטער פון די ישראל־באָנדס, וואָס אַמעריקאַנער אידן קויפן און וואָס דעקן אַ גאָר היפּשן טייל פון דעם אַנטוויקלונגס־בודזשעט פון דער ישראל־רעגירונג, האָבן דערביי גע־שפּילט אַ גרויסע ראָלע, זאָגט מען מיר אין דימונה.

איך גיי אַריין אין דעם בנין פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אין דער מועצת העיר. און איך הער דאָ, אין טיפן דרום פון לאַנד, אַן ענלעכע דערקלערונג, ווי איך האָב געהערט אין צפון, אין קרית־ים, ביי חיפה:

„מיר נעמען־אויף אין אונזער שטאָט פון זיבעציק ביז אַכציק נייע עולים־משפחות אַ וואָך — זאָגט דער יונגער סעקרעטאַר פון דער „מועצת העיר״ — „זיי קומען צו אונז איצט און אָרדענען זיך איין גיך, אָן באַזונדערע שוועריקייטן. מיר האָבן גרייט פאַר זיי דירות, און מיר קריגן אויך באַלד פאַר זיי באַשעפטיקונגען. זיי אַרבעטן אין די פאַבריקן. אַ טייל ווערן אָנגעשטעלטע אין די געשעפטן. איר זעענט דאָך שוין אַרומגעפאָרן אַביסל איבער דער שטאָט היינטיקן פרימאָרגן. האָט איר געטראָפן אַ סך איינוואוינער אַרומדרייען זיך איבער די גאַסן? — פרעגט מיך דער יונגער שטאָט־טאַטע, און ער וויל פון מיר אַן ענטפער.

„איך האָב נישט געהאַט אַזאַ איינדרוק, אַז איך זאָל באַגעגענען ליידיק־גייער״ — האָב איך אים געגעבן מיין אָביעקטיווע תשובה.

„מיר זוכן אַרבעטער. מיר וואַרטן אויף אַרבעטער״ — האָט דער סעק־רעטאַר פון דער „מועצת העיר״, ווייטער גערעדט צו מיר מיט צופרידנקייט און שטאָלץ וועגן זיין שטאָט — „און מיר האָבן דאָ אידן פון אַ גאַנצער

וועלט, פון וועלכע לענדער איר ווילט נאָר. געוויס האָבן מיר אויך פאַר־שיידענע פּראָבלעמען מיט זיי. איר ווייסט: מען דאַרף אויסגלייכן אידן מיט אידן, אידן פון מזרח און אידן פון מערב. אָבער סוף־כל־סוף לעבן זיי זיך גוט צונויף. מיר האָבן נישט געהאַט קיין גרויסע סכסוכים. און דער עיקר פאַרמאָגן מיר גוטע שולן, וואו די קינדער פון די עולים לעבן זיך צונויף, ווי איין משפחה. אינאיינעם מיט די פאָלקס־שולן פאַר אַלע קינדער פון אַלע עדות האָבן מיר שוין צוויי מיטל־שולן. און אַלע אונזערע לערן־אַנשטאַלטן געפינען זיך אין נייע, באַקוועמע בנינים. אפשר האָט איר זיי שוין באַמערקט, פאַרנדיק איבער דער שטאָט? מיר האָבן גוטע לערער. אַלע אונזערע לערער האָבן אַקאַדעמישע אויסבילדונג. זיי זיינען געקומען צו אונז פון ירושלים, פון תל־אָביב, נאָכן גראַדואירן פון ירושלימ׳ער אוניווערזיטעט. מיר, אין דימונה, זיינען שטאָלץ מיט אונזערע שולן און מיט אונזערע לערער״.

איך האָב געלאָזט רעדן דעם יונגן, איבערגעגעבענעם סעקרעטאַר פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג. איך האָב אים נישט איבערגעריסן. איך האָב געפילט, אַז ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס ער קאָן מיר מאַכן אַזאַ דערמוטיקנדיקן רעפּאָרט פון זיין שטאָט. ער האָט דאָס געטאָן זייער גערן.

„איך וויל אייך נאָך צוגעבן, אַז איך אַליין בין גליקלעך דאָ צו זיין און דאָ צו אַרבעטן. „אני מאושר פה!״ — זאָגט ער מיר, ווען מיר געזעגענען זיך.

איך האָב געהאַט דעם גרויסן נחת בעת מיין נסיעה איבער ישראל צו הערן דאָס זעלבע פון די יונגע תושבים־פּיאָנערן אין אַ ריי אַנדערע מקומות איבערן לאַנד. וואָרט־ביי־וואָרט מיט דעם זעלבן אויספיר האָט אין דעם נייעם ישוב נאות הככר, טיף אַראָפּ אין דער געגנט פון סדום, פאַרענדיקט מיט מיר דעם לאַנגן שמועס זיינעם איינער פון די אָנפירער פון דער גרופּע יונגע חלוצים, וועלכע האָבן זיך דאָרט באַזעצט:

„אני מאושר פה!״ („איך בין דאָ גליקלעך!״) — האָט ער מיר געזאָגט.

***

איך בין נישט אַוועקגעפאָרן פון דימונה אָן דעם, אַז איך זאָל נישט אַריינגיין אין אַ שולע, אין דעם פּרימאָרגן. איך האָב געזאָגט דעם סעקרעטאַר פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז איך וועל גערן מאַכן אַזאַ וויזיט אין זיין שטאָט, ווי באַלד ער שטאַלצירט אַזוי שטאַרק מיט די לערן־אַנשטאַלטן אין דימונה.

איך בין אַריינגעקומען אין אַ קלאַס פון עלף־צוועלף־יאָריקע קינדער. די לערערין, אַ יונגע פרוי פון תל־אביב, האָט מיר פאָרגעשטעלט אירע תלמידים

און תלמידות. איך האָב, ווי אין אַ סך ערטער איבערן לאַנד, דערזען פאַר מיר אין אָט־דעם שול־קלאַס אַן אמת'ן קיבוץ־גלויות. אַ טייל פון די קינדער האָב איך אויסגעפרעגט, פונוואַנען זיי שטאַמען, און ווען זיי זיינען געקומען אין לאַנד. און זיי האָבן מיר פריי און גערן געענטפערט.

מיך האָט אינטערעסירט, וואָס פאַר אַ מיינונג די לערערין האָט וועגן די קינדער פון אָט־די פאַרשיידענע שבטים. איר ענטפער איז געווען, אַז אַמשטאַרקסטן איז זי צופרידן פון די קינדער פון אינדיע, פון די „בני ישראל". זיי זיינען די בעסטע תלמידים אין איר קלאַס. דערנאָך קומען, אין איר אָפּשאַצונג, די קינדער פון אייראָפּע, און צווישן זיי אין דער ערשטער ריי די תלמידים, וואָס שטאַמען פון פוילן. צו דער דריטער קאַטעגאָריע האָט זי פאַררעכנט אירע שילער פון צפון־אַפריקע. און צווישן זיי האָט זי צום סאַמע סוף אַוועקגעשטעלט די קינדער פון מאַראָקאַנער עולים.

„עס איז שווער מיט זיי" — האָט זי מיר געזאָגט — „און עס נעמט צייט, ביז איך געוואוין זיך צו צו זיי, און זיי צו מיר, און ביז זיי לעבן זיך איין מיט די אַנדערע קינדער, אָבער אויך זיי לערנען מיט דער צייט בעסער, און גלייכן זיך אויס מיט זייערע אַנדערע חברים. דאָ אין דער שולע געשעט עס גיכער. אין דער היים, אין דער גאַס איז עס אַ סך שווערער, און דאָס איז אַן ערנסט פראָבלעם. אונזער אַרבעט איז, אַז דער גייסט פון דער שולע זאָל אויך אַריינדרינגען אין זייערע היימען, אַז די שולע זאָל באַהערשן די היים, און נישט פאַרקערט".

איך האָב געזען, און האָב זיך איבערצייגט, אַז דער סעקרעטאַר פון דער מועצת העיר איז געווען גערעכט, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז די שטאָטפאַרוואַלטונג נעמט זיך איבער מיט די לערער אין דימונה.

און אַ שטאָט דאַרף מען טאַקע אָנהויבן בויען און אַנטוויקלען פון די שולן מיט די לערער.

***

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט לענגער אין דימונה, ווייל אָט די שטאָט, וואָס איז אויפגעוואַקסן אין מיטן מדבר פון נגב — און איז אַ וואונדער פאַר זיך אַליין — נעמט איצט אַריין אַ סך נייע עולים. אויך פון דער שיף מיט ניי־געקומענע עולים אין חיפה — וועלכע איך האָב געשילדערט אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל — איז אַ גרעסערע גרופּע געפאָרן קיין דימונה. עס איז נישט אַזאַ לייכטער ענין אַריינצונעמען די צענדליקער משפחות, וועלכע קומען־אָן יעדע וואָך פון די פאַרשיידענע לענדער, אין דער נייער סביבה אויך דאַן, ווען עס איז דאָ די מעגלעכקייט צו קריגן פאַר זיי אַרבעט. עס זיינען פאַראַן נאָך אַנ־

דערע, מענטשלעכע, פּערזענלעכע פּראָבלעמען, אויף וועלכע מען שטויסט זיך אָן אין דער קאָמפּליצירטער אויפגאַבע פון דער „קליטה" (איינאָרדענונג, אָב־סאָרבירונג) פון די נייע עולים.

פאַרשיידן זיינען די וועגן און אויפגאַבן, וואָס פירן צום מיזוג־גלויות. אין סך־הכל איז עס דער גרויסער היסטאָרישער פּראָצעס, וואָס האָט אין דער תורה פון ציוניזם געהאַט תמיד די פּשוט׳סטע, אָבער ריכטיקסטע דעפיניציע: אויפבוי פון לאַנד און אויפבוי פון פאָלק. איך בין ביי מיין איצטיקער נסיעה געווען אַן עד־ראיה פון די באַזונדערע סטאַדיעס פון דעם פּראָצעס, ווי ער שפּילט זיך אָפּ ביי דער נייער מאַסן־עליה טאָג־פאַר־טאָג און אין די פאַרשיידנסטע ערטער, אָנהויבנדיק פון דעם אַרויספאָר פון חוץ לארץ, פון דעם אָנקומען אין לאַנד און ביז דער איינאָרדענונג אין מדינת ישראל. עס אַרבעט דערביי אַ גרויסע, פאַרצווייגטע, אַלזייטיקע און פאַרשיידנזייטיקע אָרגאַניזאַציע פון אידישן פאָלק, וואָס מען קען נאָך ווייניק ביי אונז.

און ווען איך בין געשטאַנען אין דעם גרויסן האַנגאַר פון דעם האָפן אין חיפה און האָב געזען די הונדערטער נייע עולים, ווי זיי גייען אַריין, אויס־שטייגנדיק פון דער שיף, איז מיר געקומען אויפן רעיון איינע פון די נבואות פון דעם אומשטערבלעכן חוזה פון ציוניזם, בנימין זאב הערצל. עס איז גע־ווען אַ שווערע, אַ טראַגישע נבואה. אין זיינע שריפטן און אין זיינע רעדעס האָט ער עטלעכע מאָל, פאָראויסזעענדיק די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגען אין אידישן לעבן, געמאַכט אַ ביטערן, אַ פינצטערן חשבון, ער האָט אויסגערעכנט לאַנד נאָך לאַנד, וואו די אידישע ישובים וועלן זיך איינברעכן און איינפאַלן. און ער האָט ריכטיק פאָראויסגעזאָגט, ליידער. אָבער מיט דעם אַליין האָט דער שאַפער פון ציוניזם און פאָטער פון דער אידישער מדינה זיך ניט באַנוגנט. ער האָט פאַרענדיקט מיט דעם אויספיר:

„און אָרגאַניזירטערהייט וועלן אונזערע מאַסן שטראָמען אין זייער היימ־לאַנד. עס וועלן זיין פירער, וואָס וועלן זיי פירן און צווישן זיי אַליין וועלן אויפשטיין פירער, וואָס וועלן זיי אָרגאַניזירן און זיי ווייזן דעם וועג אַהיים, אין דעם היימלאַנד. און אַזוי וועט אונזער פאָלק זיך צוריקקערן אַהיים".

דאָס קומט פאָר אין אונזערע טעג מיט גרויסע מאַסן אידן. און ווען מען מאַכט איצט אַ נסיעה קיין ישראל, זעט מען עס איבערן גאַנצן לאַנד און אין אַלע אַנטוויקלונגען פון לעבן.

סוף 1963

אין ישובים פון נייע עולים אין טיפן מדבר

אַ יאָר שפּעטער אין דימונה.

„וואָס איז אייער הויפּט־פּראָבלעם אין דער שטאָט?" — די דאָזיקע פראַגע האָב איך געשטעלט דעם סעקרעטאַר פון דער מוניציפּאַלער פאַר־וואַלטונג.

איך בין אַריינגעקומען אין דימונה אין דער פרי. די אַרבעטסזאַמע באַ־פעלקערונג פון דער אינדוסטריע־שטאָט אין נגב האָט שוין פון לאַנג געהאַט אָנגעהויבן דעם וואָכעדיקן טאָג, און יעדער איז געווען ביי זיין באַשעפטיקונג. אויף די גאַסן האָט מען געזען בלויז זקנים און פרויען מיט קליינע קינדער. אויך אין דעם בנין פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג זיינען נישט געווען קיין סך באַזוכערס. דער סעקרעטאַר האָט אויף מיין פראַגע געענטפערט גלייך, אָן צופיל טראַכטן, ווי ער וואָלט שוין געווען גרייט צו דער שאלה, וואָס מאַ־טערט אים, ווייזט אויס, סיי ווי סיי נישט ווייניק:

„אונזער הויפּט־פּראָבלעם אין דער דאָזיקער שטאָט איז וועגן דער יוגנט, יוגנט־קלובן. וואָס וועלן מיר טאָן מיט די קינדער, ווען זיי קומען אַהיים פון דער שולע? עס איז זייער אַן ערנסט פּראָבלעם".

איך דערמאָן זיך, אַז פאַר־אַ־יאָרן האָט דער סעקרעטאַר פון דער מועצת העיר שטאַרק שטאָלצירט מיט די שולן אין שטאָט. אויך איצט נעמט ער זיך מיט זיי איבער, אָבער ער האַלט שוין ווייטער:

„מיר האָבן אַן ערך אַכט טויזנט אַזעלכע קינדער אין דער שטאָט, פאַר וועלכע מיר דאַרפן זאָרגן אין די נאָכמיטיק־שעה'ן. מיר דאַרפן האָבן אַ יוגנט־טעאַטער, פאַרוויילונגס־זאַלן, „מועדנים". און מיר האָבן דאָס אַלץ נאָך נישט צוגעגרייט. אונזער שטאָט בויט זיך גיך. מיר שטעלן־אויף אַלערליי בנינים. אָבער וועגן יוגנט־צענטערס האָבן מיר נאָך נישט געטראַכט.

„און ווייסט איר וואָס?" — באַקלאָגט ער זיך ווייטער פאַר מיר — „מיר האָבן אַפילו נאָך נישט באַוויזן צוצוגרייטן אַזאַ אינסטיטוציע, ווי אַ זאַל פאַר פראַווען חתונות. ערשט היינט אין דער פרי האָט מען מיר דאָ געמאַכט וועגן דעם אַ טומל, שיעור נישט אַ סקאַנדאַל. עס זיינען געקומען עלטערן צו מיר, בכבוד'יקע בירגער אונזערע. זיי מאַכן חתונה זייער טאָכטער. ווילן זיי, אַז מיר זאָלן זיי געבן אַ פיינעם, שיינעם זאַל פאַר איינאָרדענען די חתונה. און זיי זיינען גערעכט. אָבער מיר האָבן נישט אַזאַ זאַל. עס איז אַ פּראָבלעם".

דימונה איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסע שטאָט און האָט שוין אַ באַפעלקערונג

פון צוואַנציק טויזנט נפשות. ערשט פאַראַיאָרן, ווען איך בין דאָ געווען, האָט די שטאָט געציילט עפּעס מער פון זיבעצן טויזנט איינוואוינערס. דימונה נעמט אויף און אָרדנט איין אַ סך נייע עולים. אין דער שטאָט ווערן כסדר געגרינדעט נייע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. דימונה איז אַ שטאָט פון אַרבעט. און אויף פּרנסה באַקלאָגט זיך דאָ קיינער נישט.

אָבער — לא על הלחם לבדו יחיה האדם. זאָגט מיר נאָך אַמאָל דער סימפּאַטישער מזכיר פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, אַז דימונה דאַרף האָבן יוגנט־צענטערס און טאַקע אַ שיינעם חתונה־זאַל. אין דער נייער שטאָט דימונה וואַקסט שוין אויף אַ יוגנט, פאַר וועלכער מען דאַרף זאָרגן. די יוגנטלעכע שטאָלצירן מיט דער שטאָט, פילן זיך דאָ גוט, און זיי טראַכטן גאָרנישט וועגן אַריבערטראָגן זיך אין די גרויסע שטעט אין צפון. פאַראַן אָבער אויך אין דימונה אַ פּראָבלעם וועגן דירות פאַר יונג־פאַרהייראַטע פּאָר־לעך. די נייע וואוינונגען, וואָס ווערן געבויט אין דימונה, זיינען באַשטימט פאַר די נייע עולים־משפחות, וועלכע קומען באַזעצן זיך אין דער שטאָט. און יעדע וואָך, יעדן טאָג, נעמט אויף דימונה נייע עולים־פאַמיליעס, וועלכע ברענגען אויך מיט זיך נישט בלויז מאַטעריעלע פּראָבלעמען. מען דאַרף פאַר זיי שאַפן אַ פּאַסנדיקע גייסטיקע סביבה. אַ טייל פון זיי דאַרף מען אויך פּשוט אָנהויבן לערנען אַלף־בית. זאָגט מיר דער סעקרעטאַר פון דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג, אַז אַ גרויסע הילף ברענגען די בחורים און מיידלעך פון נח״ל (נוער חלוצי לוחמי). די חברים און חברות פון אָט די פּרע־מיליטערישע גרופּעס קומען אין דימונה און לערנען די שפּראַך פון לאַנד, העברעאיש, מיט די נייע עולים, מיט די עלטערן און מיט די קליינע קינדער, און פירן זיי בכלל אַריין אין דער גייסטיקער אַטמאָספערע פון דעם לאַנד.

איך האָב אויסגעהערט דעם יונגן סעקרעטאַר פון דער שטאָט־פאַר־וואַלטונג פון דימונה און האָב שטאַרק מיטגעפילט מיט אים און מיט זיין הויפּט־דאגה. איך האָב אים אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז עס וועט נישט לאַנג דויערן, און עס וועלן אויך זיין יוגנט־צענטערס אין זיין אַזוי גיך אויס־געוואַקסענער און איצט שוין שיינער שטאָט. איך פּרוּוו אויך באַרואיקן דעם סעקרעטאַר פון דער „עיריה״, אַז עס וועט אַוודאי נישט לאַנג דויערן, און ער וועט אויך האָבן אַן עלעגאַנטן זאַל פאַר פראַוּוען חתונות, וואָס עס פאַרלאַנגען פון אים די בירגער פון דימונה.

און אגב, בין איך געווען זייער און זייער צופרידן דערפון, וואָס דער פירער פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג אין דימונה האָט נישט קיין אַנדערע דאגות.

***

אַן ענלעך פּראָבלעם האָט אויך כפר ירוחם, אין נגב.

מיין איינדרוק, ווען איך בין געפאָרן איבער כפר ירוחם, אויף מיין רייזע איבערן נגב, איז געווען, אַז עס איז שוין נישט קיין דאָרף. עס איז א שטאָט. כפר ירוחם, וואָס ליגט אויף אַ מהלך פון בערך דרייסיק קילאָמעטער אויף דרום פון באר שבע, טיף אין נגב, האָט שוין איצט אַרום אַכט טויזנט תושבים. די מערסטע פון די איינוואוינערס דאָ זיינען עולים פון צפון־אַפריקע, פון פּערסיע, פון אינדיע.

אויך אין כפר ירוחם בין איך אַריינגעגאַנגען אין דער עיריה (שטאָט־פאַר־וואַלטונג) און האָב זיך דורכגעשמועסט מיט די פירערס פון דער שטאָט. דער „מזכיר" (סעקרעטאַר) פון דער מוניציפּאַלער פאַרוואַלטונג איז דאָ אַ יונגער־מאַן פון טוניסיע, אַליין אַן עולה. ער דערציילט מיר וועגן די פאַרשיידענע גרופּעס עולים, פון וועלכע עס באַשטייט די באַפעלקערונג פון כפר ירוחם, און ער דערקלערט מיר, אַז עס איז נישט פאַראַן אין דער שטאָט קיין פּראָב־לעם וועגן קאָנפליקטן צווישן די באַזונדערע עדות. ער נעמט אויף יעדן טאָג צוויי־דריי נייע עולים־משפחות, וועלכע קומען זיך באַזעצן אין כפר ירוחם. אין דער שטאָט איז מען צופרידן דערפון. שוין דאָס געפיל אַליין, אַז דער ישוב וואַקסט כמעט מיט יעדן טאָג, פאַרשאַפט נחת. כפר ירוחם שפּרייט זיך אויס וואָס אַמאָל מער און פאַרטרייבט דעם אַרומיקן מדבר פון נגב וואָס אַ טאָג ווייטער און טיפער. בעת איך בין געווען אין כפר ירוחם, האָט מען דאָרט געהאַלטן אין בויען צוויי הונדערט און פופציק דירות פאַר נייע עולים.

דער סעקרעטאַר פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט אויך אַ פּראָבלעם וועגן די קינדער אין כפר ירוחם. דערצו מאַטערט אים אָבער אויך די דאגה וועגן די זקנים. מיט דער עליה פון די אָריענטאַלישע אידן אין דער שטאָט זיינען געקומען אַ סך זקנים און נישט אַלע פון זיי זיינען געזונטע. אינאיינעם מיט די יוגנט־צענטערס בויטיקט זיך כפר ירוחם אין קלובן פאַר עלטערע מענטשן. און דער פאַרשטייער פון דער „עיריה" דערציילט מיר, אַז עס ווערט טאַקע געעפנט אין דער שטאָט אַ קלוב פאַר הונדערט און פופציק זקנים, צווישן זיי צען בלינדע. נישט מיט אַלע זקנים — באַמערקט ער מיר — דאַרף מען זיך פאַרנעמען, בכדי זיי צו העלפן און פאַרזאָרגן. דער גאָר גרעסטער טייל פון די אַלטע עולים אַרבעט און ברענגט נוצן דעם ישוב. ווען איך בין אַרומגעפאָרן איבער כפר ירוחם, האָב איך טאַקע געזען אַ סך עלטערע אָריענטאַלישע אידן אַרבעטן ביים בויען די הייזער און ביים אויספלאַסטערן די נייע גאַסן אין דער שטאָט. פון די קורצע שמועסן, וואָס איך האָב פאַר־פירט מיט זיי, האָב איך באַקומען דעם איינדרוק, אַז זיי אַרבעטן מיט התמדה, מיט ליבע.

„ברוך השם, וואָס איך בין דאָ!" — האָט הויך אויפן קול אויסגערופן צו מיר אַ זקן פון צפון־אַפריקע, ווען איך האָב געטראָפן אַרבעטן ביי אַ נייעם טראַקטאָר — „ברוך השם!" — האָט ווייט אַרום אָפּגעהילכט זיין קול מיט דעם ספּעציפישן אָריענטאַליש־אידישן ניגון, וואָס קלינגט אזוי זיס.

***

עס איז קלאָר, אַז וואָס טיפער אין נגב, אַלץ מער זיינען די פּראָבלעמען.

איך פאָר אַריין אין דעם קיבוץ משאבי שדה, ביי דער זייט פון שאָסיי, וואָס פירט פון באר שבע קיין ניצנה, צו דער סאַמע גרענעץ פון מדבר, פון וואַנען עס ציט זיך אַ וועג צום סועץ־קאַנאַל.

משאבי שדה איז אַ קיבוץ פון חברים פון „אחדות העבודה". איר דאַרפט דורכפאָרן אַ גרויסן מהלך אין מדבר צו קומען אַהין. דער קיבוץ ציילט איצט הונדערט און צוואַנציק חברים, מיט זייערע משפחות. אינאיינעם האָט איצט דער ישוב אַרום דריי הונדערט נפשות. משאבי שדה האָט אויפגענומען צוואַנציק משפחות פון נייע עולים. און מען קוקט אַרויס אויף דעם, אַז עס זאָלן קומען נאָך עולים.

„אונזער הויפּט־פּראָבלעם" — זאָגט מיר דער „מזכיר" פון דעם קיבוץ — „איז אַריינצוקריגן נאָך חברים. מיר דאַרפן דאָ האָבן נאָך מענטשן צו דער אַרבעט!"

כאָטש טיף אין מדבר, איז דאָ אויסגעוואַקסן אַ גרויסער ישוב און עס פעלן אַרבעטס־הענט. די געגנט דאָ איז נישט קיין שטאַרק צוציענדיקע. זאַמד און גרויקייט. און אַרום און אַרום — אַן עלנטע פוסטקייט. אָבער דער קיבוץ האַלט אויס אַלע שוועריקייטן.

פאַראַן הונדערט און צוואַנציק קינדערלעך, קיין עין הרע, דאָ אין דעם מדבר־ישוב. איך בין אַריינגעגאַנגען אין דער ספּעציעלער היים פאַר זויג־קינדער, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן. אַן אויסשטודירטע קראַנקן־שוועס־טער פון קופת חולים פאַרנעמט זיך מיט זיי. און זיי וואַקסן געזונט דאָ, אין מדבר.

„ווי אַזוי לעבט איר דאָ?" — „פון וואַנען האָט איר דאָ וואַסער?" — פרעג איך מיט אַ מאָל דעם „מזכיר" פון משאבי שדה. און איך ווייס אַליין ניט פאַרוואָס עס האָט זיך פון מיר אַרויסגעריסן אַזאַ מאָדנע קשיה, ווי איך וואָלט שוין דאָ געווען אין גאַנצן אַ פרעמדער. אָבער איך בין געבליבן שטאַרק צו־פרידן פון דעם ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען.

„מיר קריגן שוין וואַסער פון 'מוביל'."

„מוביל" מיינט דאָס נייע נאַציאָנאַלע באַוואָסערונגס־סיסטעם, וואָס ציט זיך פון ים כנרת און פון ירדן אין צפון — אַהער, אין דעם ווייטן דרום, טיף אין נגב. „מוביל" איז דאָס באַוואָסערונגס־סיסטעם, אויף וועלכן די אַראַבישע שונאים פון מדינת ישראל האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט אַלערליי מיאוס׳ע און שענדלעכע תחבולות צו שעדיקן און אָפּצוציען דאָס וואַסער.

אָבער דער וואַסער־שטראָם פון „מוביל" פליסט און וועט ווייטער פליסן — צו להכעיס די אַראַבישע שונאים. איך האָב געזען ווי עס פליסט.

און צוליב דעם אַליין איז כדאי געווען צו מאַכן די ווייטע נסיעה אַהער, טיף־טיף אין מדבר פון נגב.

יאַנואַר 1965

מיט אידן פון אינדיע, קאָטשין, איראַק, איראַן

„ס׳איז אונז ניט געווען שלעכט אין קאָטשין. מיר האָבן געהאַט אַ רואיק לעבן: אָבער מיר זיינען אַוועקגעפאָרן. מיר זיינען געפאָרן אין אונזער אייגן לאַנד. דאָ איז אונז גוט. דאָ געפינען מיר זיך ביי זיך אין דער היים, אין דער אידישער מדינה!״

אַזוי האָט גערעדט צו מיר די יונגע, שוואַרץ־חנ׳עוודיקע לערערין אין דאָרף אביעזר. די איינוואוינער פון דעם ישוב זיינען על פי רוב קאָטשינער אידן. פאַראַן אויך אַ קליינע צאָל עולים פון פערסיע. בכדי צוצוקומען צו אביעזר דאַרף מען אַרויפפאָרן אויף אַ באַרג, אין די הרי יהודה. די גאַנצע געגנט איז ערשט נישט לאַנג אַנטוויקלט געוואָרן.

איך האָב באַטראַכט די קינדער אין דער דערציאונגס־אַנשטאַלט. קליין־וואוקסיקע, שוואַרץ־האָריקע, מיט קיילעכדיקע צעפּעלעך, שטאַרק רירעוודיקע און מיט אויגעלעך וואָס ברענען ווי שוואַרצער קויל. ס׳איז אַ גאַנץ וויטער מהלך פון זיי ביז אַ קינד פון אשכנז׳ישע, מזרח־אייראָפּעאישע און מערב־אייראָפּעאישע אידן. שפּילן זיי זיך און לערנען אין דעם קינדער־גאָרטן. אָבער ס׳איז אויך פאַראַן דאָ עפּעס אַזעלכעס, וואָס איר וועט נישט געפינען אין קיין אַנדערער דערציאונגס־אַנשטאַלט. דאָ איז דאָ אַ קליינע קיך, אַ מיניאַטור־קיך, וואו די קינדערלעך אַליין קאָכן פאַרשיידענע מאכלים פאַר זיך. צו־וואָס דאַרף מען עס דאָ האָבן? — איז געווען איינע פון מיינע קשיות.

„מיר לערנען דאָ די קינדער קאָכן, בכדי זיי זאָלן אין זייערע היימען אויסלערנען זייערע מאַמעס, ווי אַזוי צוצוגרייטן אַ מאָלצייט״ — איז געווען דער גאַנץ משונה׳דיקער ענטפער, וואָס איך האָב באַקומען.

אָבער אַזוי איז די לאַגע. דאָס לעבן פון די קאָטשינער עולים דאַרף מאָ־דערניזירט ווערן אין ישראל. דאָ זיינען אַנדערע באַדינגונגען און אַנדערע נויטווענדיקייטן, ווי אין דער וויטער פּראָווינץ פון אינדיע, אין קאָטשין, וואו אידן האָבן געלעבט זינט צוויי טויזנט יאָר בערך. אין דער אַלטער גע־שיכטע פון די אידן אין קאָטשין ווערט איבערגעגעבן וועגן אַ מין „אידישער מדינה״, וואָס האָט דאָרט עקזיסטירט אַ געוויסע צייט. מיט פיל הונדערטער יאָרן צוריק האָט דער ראַדזשאַ (הערשער) פון קאָטשין געגעבן די אידן דאָס רעכט אויף פולער זעלבסטפאַרוואַלטונג אין דער געגנט אין אינדיע, וואו זיי האָבן געוואוינט.

דאָס אַלץ איז שוין ווייט־וויטע פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז באַקאַנט גע־

וואָרן אין דער בריטער אידישער וועלט טאַקע דעמאָלט, ווען די אידן האָבן אָנגעהויבן עולה צו זיין קיין ישראל, מיט אַ יאָר צען צוריק. אין דער אידישער מדינה דאַרפן זיי זיך איבערבויען, אַריבערגיין צו אַ מאָדערן לעבן, וואָס זיי האָבן נישט געקענט אין קאָטשין. הויבט מען אָן די מאָדערניזאַציע פון די קינדער און דאָן גייט עס דורך די קינדער אַריבער צו די עלטערן. אַזוי איז עס אויך מיט אַ טייל אַנדערע שבטים, וועלכע זיינען נאָך הונדערטער און טויזנ־טער יאָרן צוריקגעקומען אַהיים פון הינטער די הרי חושך אין אַזיע, אין אַפריקע.

בין איך נאָכן באַזוכן די קינדער־היים אין אביעזר אויך אַרומגעגאַנגען אַ ביסל איבערן דאָרף און זיך באַקענט מיט די ברידער פון ווייטן קאָטשין. מען האָט מיר דערציילט, אַז עס איז פאַראַן ביי זיי אַ שאַרפער קאָנטראַסט צווישן דעם עלטערן דור און דעם איבגערן, אין זייער צוגעוואוינען זיך צו דעם נייעם לעבן אין מדינת ישראל. די עלטערע צווישן זיי צייכענען זיך נישט אויס מיט קיין אַרבעטסזאַמקייט. זיי זיינען ניט להוט צו אַרבעטן אַליין אויף זייערע פעלדער. און אָפט רופן זיי די איינוואוינער פון די שכנות׳דיקע דערפער און שליסן מיט זיי פאַרשיידענע אָפּמאַכן, אַז יענע זאָלן אַרבעטן. אָבער דער איב־גערער דור אין אביעזר פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ פּראַקטיק. די איבגערע עולים פון קאָטשין האָבן זיך אַליין גענומען ענערגיש און איבערגעגעבן צו דער אַרבעט ביי זייערע דאָרפישעווירטשאַפטן. אביעזר אַנטוויקלט זיך דערווייל שווער, אָבער די צוקונפט געהערט צו דער יוגנט. און עס וועט זיין בסדר — פאַרזיכערן מיר מיינע באַגלייטער, מיט וועלכע איך גיי אַרום איבער דעם דאָרף. דער נייער דור קאָטשינער אידן וועט נישט אָפּשטיין פון די אַנדערע שבטים אין ישראל, וועלכע מען ציילט מער פון הונדערט, און פון וועלכע עס שאַפט זיך, טאַקע מיט שוועריקייטן אָבער בהדרגה. דאָס איינע אידישע פאָלק אין דער מדינה.

***

מסילת ציון, — אויפן וועג פון תל־אָביב קיין ירושלים, איז אַ ישוב, וואָס איז באַוואוינט מייסטנס פון די „בני ישראל״ פון אינדיע, וועלכע האָבן עולה געווען אין די פאַרגאַנגענע צען־פופצן יאָר. פאַראַן אויך דאָרט אַ גרופּע קאָטשינער אידן, אָבער מסילת ציון, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַרום יאָר 1950, איז שוין גוט אַנטוויקלט און שטאַרק פונאַנדערגעבויט, און קאָן דינען אַלס ביישפּיל פאַרן דאָרף אביעזר.

אין מסילת ציון אַרבעטן יונג און אַלט. איך בין אַריינגעפאָרן אין דעם דאָרף אין אַ פרימאָרגן. איך בין אַרומגעגאַנגען אויף די גאַסן, צווישן די

גאַנץ שיינע הייזקעס, און האָב כמעט קיינעם נישט געטראָפן. אַלע זיינען געווען דרויסן, אויף די פעלדער. בלויז אַ צוויי־דריי טיפע זקנים האָב איך באַגעגנט, און איינער פון זיי האָט אויסגעזען אַזוי ווי גאַנדי.

ווען מיר זיינען געפאָרן ווייטער פון מסילת ציון קיין ירושלים, האָבן מיר אַריינגענומען צו אונז אין אויטאָמאָביל אַ יונג פּאָר פאָלק פון דעם דאָרף. זיי האָבן געדאַרפט זיין דעם טאָג אין ירושלים ביי אַ דאָקטאָר, און זיינען דעריבער ניט אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט. איך האָב זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט דער פרוי. זי האָט דערציילט, אַז זי איז געקומען פון אינדיע קיין ישראל מיט אירע עלטערן. ביי זיי אין שטוב זיינען געווען אַ סך קינדער. זי אַליין האָט בלויז 2 קינדער און מער וויל זי ניט האָבן.

„דאָ קאָנען מיר זיך נישט פירן אַזוי ווי אין אינדיע. דאָ קאָן מען ניט ברענגען אויף דער וועלט אַזוי פיל קינדער" — זאָגט מיר די יונגע פרוי פון די „בני ישראל".

דערפאַר אָבער זאָגט זי מיר מיט גרויס צופרידנקייט, אַז אירע צוויי קינדער וואַקסן־אויף זייער גוט אין ישראל — געזונט, שיין און געלערנט. און בכלל זיינען זיי, זי און איר מאַן, שטאַרק צופרידן פון זייער לעבן אין דער מדינה.

און זי אַליין האָט אויך אויסגעזען שיין און געזונט. מען האָט דערקענט אויף איר, אַז זי איז אויפגעריכט געוואָרן אין מדינת ישראל.

***

„די תימנ'ער אידן זיינען געקומען צו אונז, ווי אַ גרופּע פון אַ פאַרמאַכטן און אָפּגעשלאָסענעם ווינקל אויף דער ערד. מיר האָבן דערזען פאַר זיך אידן, ממש פון די ביבלישע צייטן" — האָט מיר געזאָגט דער דירעקטאָר פון ביילינסאָן שפּיטאָל, דר. קאָרן. איך האָב געמאַכט אַ לענגערן באַזוך אין דעם גרויסן שפּיטאָל פון דער „הסתדרות" און האָב געהאַט אַן אינטערעסאַנטן געשפּרעך מיט דר. קאָרן וועגן דעם אַלגעמיינעם געזונט־מצב פון דער באַפעלקערונג פון לאַנד, גאָר באַזונדערס פון די נייע עולים.

די עולי תימן זיינען פאַר די דאָקטוירים געווען דער אינטערעסאַנטסטער עלעמענט צווישן אַלע ניי־געקומענע.

„זיי האָבן אַפילו נישט געוואוסט, וואָס אַ דאָקטאָר איז" — האָט מיר געזאָגט דער דירעקטאָר פון ביילינסאָן שפּיטאָל.

איינע פון די אַנטדעקונגען ביי די תימנ'ער עולים איז געווען, וואָס מען האָט אינגאַנצן נישט געפונען ביי זיי קיין האַרץ־קראַנקייטן.

דאָקטוירים ווייזן אויך אָן אויף דעם, אַז די איצטיקע עליה איז בכלל, אין אַ גרויסער מאָס, אַן עליה פון אָרימע מענטשן, וועלכע זיינען לאַנגע יאָרן געווען נישט געזונט דערנערט און האָבן געלעבט אין שווערע באַדינגונגען, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן אויף זייער געזונט. זיי דאַרפן געהיילט ווערן אין ישראל. דעריבער איז נויטיק אַ גרויסע נעץ פון געזונט־אינסטיטוציעס, און עס פעלן אויך דאָקטוירים אין ישראל, בפרט אין די נייע אַנטוויקלונגס־געגנטן אין נגב.

„איך האָב געזען אָרימע און קראַנקע עולים פון אַלזשיריע" — האָט מיר געזאָגט איינער פון די אָנפירער פון ביילינסאָן־שפּיטאָל — אָבער איך האָב נישט געטראָפן ביי אונז אין לאַנד קיין איין דאָקטאָר פון אַלזשיריע. און איך בין געווען מיט עטלעכע יאָר צוריק אויף אַ באַזוך אין אַלזשיריע. איך האָב דאָרט געפונען גוטע אידישע דאָקטוירים מיט אַ סך וויסן און דערפאַרונג. פאַרוואָס קומען זיי נישט צו אונז?"

מען האָט מיר אָנגערופן די ציפער פון צוויי הונדערט דאָקטוירים, וועלכע וואָלטן באַלד געקאָנט באַקומען באַשעפטיקונג אין ישראל, און טאַקע פאַר באַהאַנדלען און היילן די נייע עולים וואָס קומען פון די ווייטע און פאַרוואָרפענע לענדער אין אָריענט.

*****

בר־גיורא איז אַ דאָרף, וואָס איז אײַנגאַנצן באַוואוינט פון די עולים פון די „עדות המזרח". בר־גיורא ליגט אין די הרי יהודה, טאַקע נישט ווייט פון דעם דאָרף אביעזר, פון די קאָטשינער אידן, וועגן וועלכע איך האָב אויבן געשריבן. אין בר־גיורא, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1950, האָבן זיך באַזעצט עולים פון איראַק, פון איראַן, אויך פון מאַראָקאָ און טוניסיע. איך בין אריינגעפאָרן אין דעם דאָרף און האָב געהאַט די מעגלעכקייט צו זען, ווי אַט די פאַרשיידענע עדות, צווישן וועלכע עס זיינען אויך פאַראַן גרויסע אונטערשיידן אין זייערע מנהגים און אין זייער גאַנצער מענטאַליטעט און אויפפירונג, האָבן זיך פונדעסטוועגן צונויפגעלעבט אינאיינעם בשלום ובשלווה.

דער צד השווה צווישן זיי אַלעמען איז, וואָס זיי זיינען שטאַרק אַרבעטס־זאַם אין דעם דאָרף. בר־גיורא האָט אַ נאָמען פון אַ גוט־אַנטוויקלטן ישוב. און דאָס דאָרף וואַקסט כסדר און קריגט־צו נייע איינוואוינער. קרן קימת לישראל גרייט־צו פאַר זיי נייעם באָדן פאַר לאַנדווירטשאַפט. בר־גיורא איז אַ מושב, און יעדער פון די איינוואוינער האָט זיין אייגענעם „משק", וואָס ער באַאַרבעט. האָב איך געהערט, אַז די אַרבעטסזאַמקייט פון די תושבים פון בר־גיורא דערגרייכט אַזוי ווייט, אַז אַ טייל פון זיי האָבן געערן איבערגענומען

פעלדער פון דעם שכנות'דיקן דאָרף אביעזר, וואָס די דאָרטיקע קאָטשינער אידן האָבן זיי פאַרדונגען צו באַאַרבעטן.

איך האָב גערעדט מיט אַ דריי תושבים פון בר־גיורא און האָב זיי אויסגע־פרעגט וועגן זייער לאַגע. גראָד איז מיר אויסגעקומען צו באַגעגענען אַ פּאָר זקנים. איך האָב געטראָפן אַ פּערסישן איד, וועלכער איז שוין אַן אַלטער עולה. ער געפינט זיך אין לאַנד איבער פופציק יאָר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט ביי זיך אַן אייגענעם קיבוץ גלויות. איין איידעם זיינער איז אַן אונגאַרישער איד. אַ צווייטער איז אַ רומענישער. און דער איינגערער איידעם איז אַן עולה פון מאַראָקאָ.

„מיר האָבן שלום בית אין דער משפחה, איך קאָן זיך נישט באַקלאָגן" — האָט ער מיר געזאָגט.

און ער האָט מיר דערציילט, אַז זיינע קינדער האָבן אַפּילו געוואָלט, אַז ער זאָל שוין מער נישט אַרבעטן. אָבער ער אַליין וויל נישט זיין אַ הולך בטל. ער גייט יעדן טאָג אַרויס אין פעלד אַרבעטן. איך האָב אים געפרעגט וועגן זיין עלטער.

„דריי און זיבעציק יאָר, ברוך השם!" — איז געווען זיין ענטפער.

אַ צווייטער זקן, מיט וועלכן איך האָב זיך פונאַנדערגעשמועסט, האָט מיר געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון פעז, מאַראָקאָ. ער האָט געטראָגן די כלים אויף די פּלייצעס, צו גיין אַרבעטן אין פעלד. איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס האָט געטאָן אַזאַ איד אין פעז, פון וואַנען האָט ער דאָרט געצויגן חיונה.

„איך בין געווען אַ סופר סת"ם" — האָט ער מיר געזאָגט מיט נישט ווייניק שטאָלץ.

איך האָב אים ווייטער געפרעגט, למאי ער איז נישט פאַרבליבן ביי זיין מלאכת הקודש אין ישראל און איז אין זיינע יאָרן געוואָרן אַ לאַנדווירטשאַפט־לעכער אַרבעטער.

„די אויגן דינען שוין נישט" — איז געווען זיין תשובה.

עס איז געווען צו זען, אַז דער אַלטיטשקער — טאַקע אַ טיפער זקן — איז שטאַרק צופרידן פון זיין לעבן אין דער מדינה. און בעיקר טוט אים גרויס הנאה, וואָס ער איז נאָך ביכולת צו אַרבעטן. און אַלע מלאכות זיינען גוט אין דער אייגענער מדינה, אַבי מען העלפט בויען דאָס לאַנד!

דאָס האָב איך אַרויסגעפילט פון מיינע שמועסן מיט אַ סך פון די זקנים פון די „עדות המזרח". און מיט דעם יונגן דור פון די אָריענטאַלישע אידן איז שוין אוודאי נישטאָ קיין פּראָבלעם, וואָס איז שייך זייער אָנטייל, לויט זייע־רע מעגלעכקייטן, אין בנין הארץ.

סוף 1963

דער נייער דור פון די עדות המזרח

„דערציילט מיר עפּעס וועגן אייער פריינדין קאַלעט!" — בעט איך דעם פּראָמינענטן ריכטער פון יאָהאַנעסבורג, אַ געוועזענעם מיטגליד פון העכסטן געריכט פון דער דרום־אַפריקאַנער אוניע, מיט וועמען איך בין צוזאַמען אַרומגעפאָרן עטלעכע טעג איבערן גליל.

מיין רייזע־חבר האָט זיך שוין צוריקגעצויגן פון דעם הויכן ריכטער־אַמט אין דרום־אַפריקע און איז געוואָרן אַ תושב פון דער אידישער מדינה. קו־מענדיק קיין ישראל, האָט ער — אין זיינע עלטערע יאָרן — גענומען קודם־כל, לערנען העברעאיש. ער נעמט זיך שטאַרק איבער מיט דעם, וואָס ער קען שוין פירן פריי אַ שמועס אין העברעאיש. און באַכמער שטאָלצירט ער מיט דעם, וואָס ער האָלט מיר אין איין זאָגן: „אני לא תייר בארץ, אני עולה חדש!" („איך בין נישט קיין טוריסט אין לאַנד, איך בין אַ נייער עולה"). העברעאיש האָט ער געלערנט, און לערנט נאָך ווייטער, ווי אַלע ניי־געקומענע אין לאַנד, אין אַן „אולפן". און ביים זיצן אויף דער שול־באַנק אין דער פּאָפּולערער אינסטיטוציע פאַר לערנען די שפּראַך פון ישראל, האָט ער באַ־קומען אַ חבר'טע. אַ מיידל פון מאַראָקאָ, קאַלעט.

בעת מיר פאָרן איבער די וועגן פון גליל — טיילווייז אויסברוקירטע, אויסגעפלאַסטערטע און טיילווייז נאָך ווילדע, פאַרשאָטענע מיט זאַמד און שטיינער — דערמאָנט מיר מיין רייזע־חבר אָפט דעם נאָמען פון קאַלעט. זי איז געוואָרן ביי אים אַ סימבאָל פון דעם נייעם שטראָם פון עולים אין מדינת ישראל. ער, דער ריכטער פון העכסטן געריכט אין דרום־אַפריקע, אַוודאי אַ בן־שבעים, האָט געלערנט אין דעם „אולפן" אין נתניה, אין איין קלאַס און אין איין גרופּע, מיט דעם 19־יעריקן מיידל, וואָס איז ניט לאַנג געקומען פון מאַראָקאָ, אַן אָפּגעריסענע, אַן אָרימע, מיט האַלב־ווילדע מנהגים פון מאַראָ־קאַנער געטאָ, פון דער „מעלאַ".

„ווען קאַלעט איז געקומען צו אונז, אין „אולפן" — דערציילט מיר דער הויכער ריכטער פון דרום־אַפריקע — האָט זי אויסגעזען שוידערלעך. אָנגע־טאָן ניט ריין, אַפילו נישט אַרומגעוואַשן, אין קליידער, וואָס זיינען געווען מער שמאַטעס, ווי מענטשלעכע מלבושים. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, ווי זי קומט צו אונז גלייך פון דער „מעלאַ". זי האָט גערעדט האַלב־פראַנצויזיש — האַלב־אַראַביש. עס איז, ווייזט אויס, אַזוי געשען, אַז אויך אין איר נייער היים דאָ אין לאַנד, ביי אירע עלטערן, איז נאָך איר לאַגע ניט געווען אַ סך

בעסער. אָבער מיר האָבן אויך גלייך דערקענט אין איר אַז זי האָט פעאיקייטן, אַז זי פאַרמאָגט אַן איינגעבוירענע אינטעליגענץ, וואָס איז געבליבן פאַר־נאַכלעסיקט, נישט אַנטוויקלט. איך האָב זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין נייער שול־חבר׳טע. מיין פרוי און איך האָבן זי עטלעכע מאָל איינגעלאַדן צו אונז אין הויז. מיר האָבן איר געהאָלפן. און ביסלעכווייז האָט דאָס מיידל אָראָפּ־געוואָרפן פון זיך דעם שטויב פון דער „מעלאַ״. זי האָט באַקומען גאָר אַן אַנ־דער פנים. פיזיש און גייסטיק האָבן מיר אָנגעהויבן זען פאַר זיך אַן אַנדערן מענטש, אַ מיידל מיט קולטור, מיט מאַניערן, מיט עלעגאַנץ.

„איר הערט, אויך מיט עלעגאַנץ!" — זאָגט מיר מיין רייזע־חבר, מורא־האָבנדיק, טאָמער האָב איך אין דעם גערויש פון די אויטאָמאָביל־רעדער, וואָס האָבן זיך געשלעפּט איבער אַ שווערן וועג, פאַרהערט דאָס דאָזיקע וואָרט — „איר וואָלט זי געדאַרפט אָנקוקן איצט, מיין שול־פריינדין קאָלעט. איך וואָלט זי גענומען פאַר מיין טאָכטער!"

און דאָס מיידל איז ערשט אַ קורצע צייט אין לאַנד. איצט איז זי שוין איינגעבירגערט. זי איז שוין אָריינגעוואָקסן אין דער נייער סביבה. זי האָט שוין געמאַכט דעם שפּרונג פון דעם זיבעצנטן־אַכצענטן יאָרהונדערט פון דער מאַראָקאַנער „מעלאַ" ביז צום וויטן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט אין דעם ראַפינירטן גוסט פון דעם ריכטער פון העכסטן געריכט פון דער מאָדערנער יאָהאַנעסבורג, וועלכער איז שוין גרייט זי אַריינצונעמען צו זיך, ווי אַ טאָכ־טער, אין זיין נייער היים, אין דער לוקסוס־געגנט פון סביון, נישט וויט פון תל־אביב, וואָס איז איצט שטאַרק אין דער מאָדע ביי די ניי־געקומענע פאַר־מעגלעכע עולים אין לאַנד.

די 19־יעריקע קאָלעט פון דער מאַראָקאַנער „מעלאַ" האָט דעם פּראָצעס פון „קליטה" דורכגעמאַכט גיכער, ווי אַנדערע נייע עולים פון די אָריענטאַ־לישע ישובים, פון די „עדות המזרח". אָבער אויך אירע חבר׳טעס און חברים — איך מיין פון דעם יונגן דור — שאָקלען אָפּ פון זיך גיך די גייסטיקע און אויך פיזישע מחיצה, וואָס איז אָנגעוואָקסן במשך פון לאַנגע דורות און וואָס האָט זיי אין די ערשטע צייטן אָפּגעטיילט פון די אַנדערע גרופּעס אין לאַנד.

***

אויף דעם מיידל, וואָס מיר האָבן שפּעטער בעת אונזער נסיעה איבער דעם צפון־טייל פון לאַנד, געטראָפן אין דעם מאָדערנעם האָטעל אין טבריה, און וואָס האָט דאָרט פאַרנומען אַ גאַנץ וויכטיקע פּאָזיציע אין דער באַלע־באַטישקייט, האָט מען שוין קוים דערקענט די ספּעציפישע כאַראַקטער־

סימנים פון אָריענט. זי שטאַמט פון איראַק. זי איז אין לאַנד אַ יאָר צען. זי האָט אונז אַליין געזאָגט, אַז אין דער שטוב פון אירע עלטערן האָט זי געהאַט שוועריקייטן, ווייל זי האָט זיך געריסן צו דער „גרויסער וועלט". אין אָנהויב האָבן אירע עלטערן נישט פאַרשטאַנען איר דראַנג צו באַפרייען זיך פון דעם אַלטמאָדישן אופן פון לעבן און ווערן זעלבסטשטענדיק. זי קומט פון דער אידישער אָרעמקייט אין איראַק, אָבער זי האָט זיך באַפרייט.

זי איז אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן אין דעם האָטעל און האָט זיך גאַנץ שיין אַרויפגעאַרבעט. זי האָט אויסגעפונען אין זיך פעאיקייטן פון אַ פאַרוואַלטערין און זי איז זיכער, אַז אין דער צוקונפט וועט איר אַרבעט נאָך מער אָפּגעשאַצט ווערן, שוין איצט פאַרדינט זי גוט. און זי איז נאָך יונג. זי קוקט אַרויס אויף אַ פיינער בכבוד'יקער צוקונפט אין אידישן היימלאַנד.

***

נאָך האַלבער נאַכט בין איך מיט מיין רייזע־חבר, דעם ריכטער פון דרום־אַפריקע, נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון טבריה. עס איז געווען אַ שיינע, לבנה'דיקע נאַכט. און וועגן וואָס צו רעדן איז תמיד דאָ, ווען צוויי אידן פון צוויי עקן וועלט, באַגעגענען זיך אויף דער ערד פון מדינת ישראל.

גראָד האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגיין פון אַ סינעמאַ־טעאַטער. און אַ גרופּע יונגע מיידלעך — אין אונזערע אויגן נאָך קינדער — איז אַרויס מיטאַמאָל און אָנגעפילט די שטילע גאַס פון טבריה מיט יוגנטלעכע קולות.

זיי האָבן אונז פאַראינטערעסירט. דער יונגער דור אין ישראל קאָן פּאַס־צינירן, אויב מען געפינט די שפּראַך צו אים. מיין רייזע־פריינט און איך האָבן געפּרוואווט דאָס צו טאָן. מיר האָבן אָפּגעשטעלט עטלעכע פון די מייד־לעך. באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן צוטרוי צו אונז, און אויך זיי זיינען געווען אינטערעסירט צו פירן אַ שמועס מיט אונז. זיי האָבן אונז דער־ציילט וועגן זייער לעבן, וואָס זיי טוען, און וואָס עס זיינען זייערע פּלענער.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די גאַנצע גרופּע, וואָס האָט זיך גע־האַלטן אינאיינעם, שטאַמט פון צפון־אַפריקע. זיי זיינען קינדער פון עולים, וועלכע געפינען זיך שוין עטלעכע יאָר אין לאַנד. געוויס רעדן זיי שוין אַלע העברעאיש. און מיר האָבן זיך אָן שוועריקייטן געקענט פאַרשטענדיקן מיט זיי. האָט אָבער איינע פון זיי געהאַט פאַר אונז אַ גאַנץ איבערראַשנדיקע גע־שיכטע צו דערציילן. זי איז שוין אַ לערערין פון ענגליש אין אַ שולע אין טבריה. זי האָט דורכגעמאַכט אַ ספּעציעלן קורס, האָט שטודירט אין אַ לערער־סעמינאַר און האָט זיך אָפּגעקליבן פאַר איר פּראָפעסיע צו זיין אַ לערערין פון ענגליש.

מיין פריינט, דעם ריכטער פון דרום־אַפריקע, האָט דאָס באַזונדערס פאַראינטערעסירט. ער אַליין איז אין זיינע אינגערע יאָרן, געווען אַ פּראָ־פעסאָר פון ענגליש און ענגלישער ליטעראַטור אין אוניווערזיטעט פון יאָ־האַנעסבורג. און גלייך אויפן אָרט, אינמיטן גאַס פון טבריה, האָט ער גענומען עקזאַמענירן דאָס יונגע מיידל, וואָס מיר האָבן צופעליק באַגעגנט. און זי האָט פאַר אים אויסגעהאַלטן דעם גיך־אימפּראָוויזירטן עקזאַמען.

בעת אונזער גאַנצער וויטערדיקער רייזע האָט ער זיך נישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דעם מיידל פון צפון־אַפריקע, וואָס האָט במשך פון עטלעכע יאָר זיך אַזוי שטאַרק „איראָפּעאיזירט" אין מדינת ישראל. פאַר איר איז דער ענין פון מיזוג גלויות שוין נישט מער קיין פּראָבלעם.

**
*

אויפן וועג האָבן מיר אַריינגענומען אין אונזער אויטאָמאָביל אַ יונגן מי־ליטער־מאַן, וועלכער האָט געדאַרפט מאַכן אַ קורצע נסיעה אין גליל. ווען מיר האָבן זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט אים, האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז ער שטאַמט פון איראַק. זיינע עלטערן זיינען געווען אָרימע אידן אין באַג־דאַד. דער פאָטער זיינער איז אויך איצט אין לאַנד אַ שכיר יום. זייער שטוב איז אַ גאַנץ באַשיידענע.

ער אַליין, דער זון, האָט ווי אַלע קינדער אין ישראל, געלערנט אין אַ רעגירונגס־פאָלקס־שול. מחמת ער האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן חשק צו לערנען, האָט ער באַקומען די מעגלעכקייט צו שטודירן אין אַ מיליטער־שול. שפּעטער, אין דער אַרמיי, האָט מען אים פאַרגעשלאָגן צו פאָרן קיין לאָנדאָן און דורכמאַכן אַ ספּעציעלן קורס אין אַן ענגלישער מיליטער־שול. ער האָט דעם פאָרשלאָג גערן אָנגענומען, איצט פאַרנעמט ער אַ גאַנץ אָנגעזעע־נעם אַמט אין דער אַרמיי פון ישראל. און ער האָט אויסזיכטן צו וואַקסן, און גיין צו העכערע ראַנגען.

אויך פאַר אָט דעם ישראל'דיקן מיליטער־מאַן, אַ געבוירענעם אין אי־ראַק, פון דור־דורות אָריענטאַלישע אידן, איז שוין נישטאָ מער דאָס ספּעציעלע פּראָבלעם פון די „עדות המזרח", וועגן וועלכן מען זאָרגט אַזוי פיל — און וועגן וועלכן מען איז נישט ווייניק באַאומרואיקט — אין מדינת ישראל.

ווי אַזוי דער פּראָצעס פון מיזוג גלויות ווערט דורכגעפירט אַן באַזונדערע פיינלעכע באַגלייט־דערשיינונגען, קאָן מען זען אין די קלענערע ערטער אין לאַנד, באַזונדערס אין די קיבוצים.

אין אונזער נסיעה איבערן גליל זיינען מיר צוגעקומען צו דעם קיבוץ אַדמית, איינעם פון די ווייטעסטע פונקטן אין צפון, נישט ווייט פון דער גרע־

נעץ מיט לבנון, אויף מערב פון דעם הערצאישן קיבוץ חניתה, וואָס איז אַריין אין דער געשיכטע פון דעם העלדישן קאַמף פון ישוב אין די פינצטערע צייטן פון אַראַבישן טעראָר.

אדמית איז אַרויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער מאַפּע פון ישראל ערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק און מיר איז אויסגעקומען צו זיין צום ערשטן מאָל אין דעם קיבוץ. גלייך האָט מען געקאַנט זען, אַז דאָס איז אַ ישוב פון נייע עולים. אַ גרופּע חלוצים האָט זיך אַהין פאַרקליבן און דאָרט געגרינדעט איי־נעם פון די ישובים, וואָס דער קרן קימת לישראל גרייט־צו פריער, אויפ־ריכטנדיק און אויפלעבנדיק אַ פאַרנאַכלעסיקטע האַלב־וויסטע געגנט פון לאַנד; די ישובים וואָס באַשיצן אויך גלייכצייטיק די גרענעצן פון דער מדינה.

אין „חדר האוכל" — דאָס ערשטע אָרט, וואו מען קומט אַריין ביים באַ־זוכן אַ קיבוץ — באַגעגענען מיר אַ מיידל, וואָס שטאַמט פון אַלזשיריע. זי אַרבעט דאָ אין דער קיך. זי דערציילט אונז, אַז פון איר גאַנצער משפחה איז זי איינע אַליין געקומען אין לאַנד, אירע עלטערן זיינען פאַרבליבן אין פראַנק־רייך, וואוהין זיי זיינען אַלע מיט אַ יאָר צוריק אַנטלאָפן פון אַלזשיריע. אָבער זי אַליין מיט נאָך אַ גרופּע מיידלעך, וועלכע האָבן שוין אין אַלזשיריע באַקומען אַ ציוניסטישע דערציאונג, האָבן עולה געווען קיין ישראל. און זי איז זייער צופרידן צו זיין דאָ, אין דעם יונגן קיבוץ, אין וייטן צפון. פאַרוואָס זי האָט אַ באַזונדערן טעם צו זיין צופרידן, האָבן מיר זיך באַלד דערנאָך דערוואוסט.

אונז האָט אויפגענומען דער סעקרעטאַר פון קיבוץ, אַ סימפּאַטישער בחור פון איראַק. ער האָט אונז מיט גרויס שטאָלץ אַרומגעפירט איבער זיין „מלוכה". ער האָט אונז דערציילט, אַז אין דער געגנט דאַרפן אינגיכן אויפגעשטעלט ווערן נאָך צוויי ישובים. גלייכצייטיק וועט אויך דער קיבוץ אדמית אויס־געברייטערט ווערן. איצט ציילן זיי 55 חברים, אָבער זייער ציל איז צו דער־גרייכן ביז 150 משפחות. זיי וואַרטן איצט אויף אַ גרעסערער גרופּע חלוצים, וועלכע דאַרפן אָנקומען פון אַ הכשרה־פּונקט אין פראַנקרייך, און וועלכע שטאַמען פון צפון־אַפריקע.

ער פירט אונז אַרויף אויף אַ באַרג און וויזט אונז מיט שטאָלץ, אַז פון זיין אַדמית קאָן מען זען אַ האַלבע מדינת ישראל:

„מיר געפינען זיך דאָ אויף איינעם פון די וויכטיקסטע פּונקטן פון לאַנד. מיר ווייסן, וואָס עס איז אונזער פליכט דאָ צו טאָן. און איר וועט זען, ווי אַדמית וועט ווערן נאָך שטאַרקער און גרעסער!"

אָט דער דאָזיקער איראַקער בחור פירט־אָן מיט דעם אויפבוי און מיט דער אַנטוויקלונג פון אַ נייער וויכטיקער פרידלעכער פּאָזיציע פון ישראל, אַ

פּאָזיציע, וואָס דריקט זיך אויס אין צוויי הויפּט־צילן פון אַ גרויס היסטאָריש פּראָגראַם: התישבות און בטחון.

מיין פרוי פרעגט אים וועגן זיין פּריוואַטן לעבן אין אָט דעם ווייטן, דער־וויל נאָך איינזאַמען אָרט פון לאַנד.

—„איך וועל אינגיכן חתונה האָבן" — ענטפערט ער אַביסל שעמעוודיק. „מיט דעם מיידל פון אַלזשיריע, וואָס איז מיר אַזוי שטאַרק געפעלן?"

„איר האָט געטראָפן!" — קלינגט זיין ענטפער דרייסטער.

מיר ווינטשן אים „מזל טוב". דער בחור פון איראַק און דאָס מיידל פון אַלזשיריע וועלן זיכער זיין אַ גוטער זיווג, דאָ אין דעם ווייטן צפון פון ישראל.

סוף 1963

אידישע און אַראַבישע קינדער

„ווי באַהאַנדלט מען איך דאָ, און ווי פילט איר זיך?"

מיין פראַגע האָב איך געשטעלט צו אַן אַראַביש אינגל, וועמען איך האָב געטראָפן אין פתח תקוה, אין דער גרויסער פאַך־שול „עמל", וואָס איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן און ווערט אויסגעהאַלטן דורך דער „הסתדרות". מיך האָבן באַזונדערס אינטערעסירט צוויי גרופּעס תלמידים, ווען איך בין געפאָרן באַזוכן דעם לערן־אַנשטאַלט. איך האָב זיך געוואָלט באַקענען מיט דעם מצב פון די קינדער פון די אָריענטאַלישע אידן — „עדות המזרח" — וואָס איז זייער אַן ערנסט פּראָבלעם אין מדינת ישראל. און איך האָב געוואָלט וויסן ווי האַלט עס מיט דעם צוזאַמענלעבן פון אַראַבישע קינדער מיט אידישע אין אַזאַ שולע, וואו עס לערנען שוין דערוואַקסענע בחורים.

„איך פיל זיך דאָ זייער גוט" — האָט מיר דער אַראַבישער שילער געענטפערט פּשוט, אַן אָנשטעל — „מיר וויסן דאָ נישט וועגן קיין שום אונטערשיידן צווישן אידן און אַראַבער".

ער האָט גערעדט העברעאיש, און אַ גוטן העברעאיש. אין דער דערציאונגס־אינסטיטוציע לערנען קינדער, וואָס האָבן שוין דורכגעמאַכט די עלעמענטאַרע פאָלקס־שול. דאָס לערן־פּראָגראַם דאָ איז פון אַ מיטל־שול, אינאיינעם מיט פאַך־אויסבילדונג. די יוגנטלעכע לערנען זיך פאַרשיידענע פּראָפעסיעס, בעיקר די, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער מאָדערנער טעכניק.

איך האָב געפרעגט דעם אַראַבישן בחור פון וואַנען ער שטאַמט.

„מיין פאַמיליע וואוינט אין משולש (דער „דריי־עק" ביי דער גרענעץ פון ירדן). מיינע חברים דאָ, פון דער שולע, קומען אָפט צו מיר אויף שבת. איך ברענג זיי מיט מיר צו אונז אַהיים. איך האָב שוין פאַרבעטן מיינע לערערס, און זיי זיינען אויך געקומען צו אונז. איך גלויב, אַז דאָס איז נאָרמאַל" — ענטפערט ער מיר גאַנץ פּשוט.

איך שטעל נאָך אַ פראַגע דעם יונגן אַראַבער, וועלכער מאַכט אויף מיר אַ גוטן איינדרוק:

„וואָס רעכנט איר צו טאָן, אַז איר וועט ענדיקן די פאַך־שול?"

„איך וויל שטודירן ווייטער אין טעכניאָן, אין חיפה. איך וויל ווערן אַן אינזשעניר".

***

דאָס איז איצט ניט קיין איינצלנער פאַל מיט אַן אַראַבישן יוגנטלעכן אין מדינת ישראל. די מאָדערנע לערן־אַנשטאַלטן אין דער אידישער מדינה האָבן דערוועקט די אַמביציע ביי אַראַבישע קינדער און מאַכן אַ רעוואָלוציע אין זייער לעבן. אין די פאַך־שולן „עמל“, פון דער הסתדרות, וואָס זיינען אויסגע־שפרייט איבער דעם גאַנצן לאַנד, פון צפת ביז דימונה, לערנען אַ היפּשע צאָל אַראַבישע יוגנטלעכע.

בין איך אַרומגעגאַנגען פון קלאַס צו קלאַס, פון וואַרשטאַט צו וואַרשטאַט אין דעם גרויסן בנין פון דער „עמל“־שולע, אין פתח תקוה, און איך האָב געבעטן די איבערגעגעבענע לערערס און אינסטרוקטאָרן מיר אָנצואווייזן באַזונדערס אויף די קינדער פון די אָריענטאַלישע אידן. דאָס פּראָבלעם מיט די דאָזיקע יוגנטלעכע איז שטאַרק קאָמפּליצירט. עס איז פאַראַן אויך אַן ענין מיט זייערע עלטערן, וואָס איז נישט אַזוי פּשוט. דער רוב פון די עלטערן האָט נישט קיין גרויסע פאַרשטענדעניש דערפאַר, ווי נויטיק עס איז צו שיקן די קינדער אין אַזאַ שולע, אַז זיי זאָלן לערנען אַ מאָדערנע פּראָפעסיע. דערציילט מיר טאַקע איינער פון די לערערס אין דער שולע:

„מיר האָבן געמוזט אָנהויבן מיט עפענען אַ לערן־וואַרשטאַט אין ראש העין, נעבן דער הײם, וואו די קינדער וואוינען. ערשט, ווען די טאַטעס האָבן געזען מיט זייערע אויגן וואָס די קינדער טוען, האָבן זיי געלאָזט זיי לערנען אין דער שולע. אַנדערש האָט מען גאָרנישט געקענט פועל׳ן ביי די עלטערן, אַז זיי זאָלן שיקן די קינדער אין דער שולע“.

ראש העין איז אַ שטאָטישער ישוב נישט ווייט פון פתח תקוה. דאָרט וואוינען אַ סך תימנ׳ער אידן, און בכלל עולים פון די „עדות המזרח“. אַ לערן־וואַרשטאַט פון דער „עמל“־שולע האָט אַ לענגערע צייט זיך געפונען אין ראש העין, ביז די עלטערן האָבן זיך צוגעוואוינט צו שיקן זייערע קינדער לערנען און האָבן איינגעזען, אַז דאָס איז טאַקע וויכטיק פאַר דער צוקונפט פון זייערע זין. איצט איז דער לערן־וואַרשטאַט שוין פאַראייניקט מיט דער אַלגע־מיינער גרויסער „עמל“־שולע אין פתח תקוה, און די קינדער קומען אַהין פון ראש העין יעדן טאָג.

זיי לערנען דאָ נויטיקע פּראָפעסיעס — פון שלאָסעריי ביז עלעקטראָניקס — וואָס וועלן אָט דעם יונגן דור פון די אָריענטאַלישע אידן פאַרוואַנדלען אין פּראָדוקטיווע בירגער און מיטבויערס פון מדינת ישראל. די לערערס פון „עמל“ האָבן מיר געזאָגט, אַז די קינדער פון די אָריענטאַלישע אידן זיינען פעאיקע און אַרבעטסזאַמע. עס איז בלויז אַ פראַגע פון ברענגען זיי אין דער שולע, געבן זיי די מעגלעכקייט צו לערנען און — געוויס — אויך שאַפן פאַר זיי די געהעריקע אַטמאָספערע.

„עס איז נישט קיין פּראָבלעם פון פאַרשיידענע ׳עדות׳, פון אשכנזים אָדער ספרדים" — האָט מיר געזאָגט איינער פון די דערציערס — „עס איז גיכער אַ סאָציאַלע פּראַגע".

און די סאָציאַלע פּראַגע קען געלייזט ווערן דורך שאַפן פּשוט די מאַטעריעלע מעגלעכקייט פאַר די קינדער פון די אָריענטאַלישע אידן צו לערנען אין אַזאַ „עמל"־שולע. האָב איך געזען, ווי די תימנ׳ער און אַנדערע קינדער פון די „עדות המזרח", וועלכע לערנען דאָ, וואַקסן אויס פּאַכלייט, וואָס ווערן איצט שטאַרק געזוכט אין מדינת ישראל און וועלכע פעלן אין לאַנד.

מיך האָט אינטערעסירט די הויך פון דעם פּראָצענט קינדער פון די אָריענטאַלישע אידן, וועלכע לערנען אין אַזאַ שולע. איך האָב באַקומען אינטערעסאַנטע און וויכטיקע ציפערן. אין די פופציק שולן פון דער „עמל"־נעץ איבערן לאַנד לערנען איצט בערך דריי טויזנט תלמידים. צוויי נייע שולן זיינען געעפנט געוואָרן ביים אָנהויב פון דעם איצטיקן לערן־יאָר. זיבעציק פּראָצענט פון די שילערס זיינען קינדער פון נייע עולים. לויט דער פאַרטיילונג פון די עדות, זיינען פינף און פערציק פּראָצענט תלמידים קינדער פון אָריענטאַלישע אידן. אַן ערך דריי און פערציק פּראָצענט זיינען פון אשכנז׳ישע עלטערן, און צוויי מיט אַ האַלבן פּראָצענט שילערס זיינען אַראַבישע קינדער. דערביי האַלט די צאָל תלמידים פון די „עדות המזרח" אין וואַקסן כסדר. און מען קען אָננעמען, אַז שוין אין דעם נייעם לערן־יאָר וועלן אַ העלפט קינדער זיין פון אָריענטאַלישע אידן. אין אַלגעמיין ווערט פאָראויסגעזען, אַז אין משך פון אַ פיר־פינף יאָר וועט די צאָל תלמידים אין די „עמל" פאַך־שולן זיך פאַרטאָפּלען און דערגרייכן זעקס טויזנט. הייַנט צו טאָג ווערן שוין געבויט נאָך זעקס אַזעלכע שולן. איצט גראַדואירן יעדעס יאָר פון פינף הונדערט ביז זעקס הונדערט שילערס, אויסשטודירטע טעכניקערס, וועלכע פאַרנעמען וויכטיקע פּאָסטנס אין די פאַרשיידענע צווייגן פון דער ישראל׳דיקער אינדוסטריע, אַ העלפט פון זיי געהערן צו דעם יונגן דור פון די אָריענטאַלישע אידן.

**
*

וואָס עס מיינען די דאָזיקע ציפערן, קען מען באַגרייפן ערשט ווען מען באַזוכט אַזעלכע פאַך־שולן, ווי איך האָב געזען אין פּתח תקוה, און ווען מען באַקענט זיך בכלל נענטער מיט דעם מצב פון די קינדער פון די „עדות המזרח".

איין טאָג האָב איך אין דעם האָטעל, וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אין ירושלים, געטראָפן אַ נייעם באַדינער, אַ תימנ׳ער אינגל. ער האָט געהאָלפן די געסט טראָגן די וואַליזעס. דאָס אינגל האָט אויסגעזען זייער איידל, און איך האָב זיך פאַנאַנדערגעשמועסט מיט אים. האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מיט זיין

אַרבעטן אין דעם האָטעל איז פאַרבונדן אַ גאַנצע געשיכטע. ער האָט געוואָלט גיין לערנען, ווי אַלע קינדער. אָבער דער טאַטע האָט אים נישט געלאָזט און האָט אים געהייסן גיין אַרבעטן, צו העלפן אויסהאַלטן די משפּחה. האָט די מאַמע זיך אָנגענומען פאַר דעם קינד און אויסגעוזוכט פאַר אים אַט די „שטעלע" אין דעם האָטעל בלויז פאַר אַ האַלבן טאָג, בכדי ער זאָל דעם צווייטן האַלבן טאָג קענען לערנען. פלעגט ער אין דער פרי אַרבעטן אין דעם האָטעל, און באַכמיטיק איז ער געגאַנגען אין שולע. דערביי האָב איך געהערט, אַז דאָס אינגל איז זייער פּיאַיק, און לערנט זיך פלייסיק און גוט.

אויך די קינדער פון די „עדות המזרח" אין די פאַך־שולן האָבן ענלעכע געשיכטעס. מען האָט מיר אָנגעוויזן אין דער „עמל"־שולע אין פּתח תקוה אויף אַזעלכע תּלמידים, וועלכע מען האָט פּשוט געדאַרפט אַרויסרייסן פון זייערע היימען, און אין יעדן באַזונדערן פאַל האָט מען געדאַרפט זוכן פאַר־שיידענע עצות ווי אַזוי צו ווירקן אויף די עלטערן, אַז זיי זאָלן לאָזן זייערע קינדער לערנען. עס איז נישט בלויז אַ פראַגע וועגן דעם, וואָס דער טאַטע טענה׳ט, אַז ער קען נישט צאָלן קיין שכר לימוד פאַר זיין זון, נאָר ער פאַ־דערט, אַז דאָס קינד זאָל אַרויסגיין אין גאַס פאַרדינען באַלד נאָכן ענדיקן די פאָלקס־שול. איז טאַקע דאָ אַ שווער פּראָבלעם מיט אַזעלכע קינדער פון די „עדות המזרח", וועלכע גייען אַרויס צו פרי אין רוישיקן לעבן צו זוכן אַ פאַר־דינסטל. ליידער לאָזן זיי זיך אויך אויפן וועג פון לייכטע פאַרדינסטן. פאַר־היטן פון דער צרה קען מען נאָר דורך אַריינגעמען אַזעלכע יוגנטלעכע אין פאַך־שולן. און געוויס קען דאָ נישט זיין קיין רייד וועגן נעמען שכר לימוד ביי די עלטערן. איך האָב געהערט, אַז עס פּאַסירט אויך נישט זעלטן, ווען מען דאַרף מיט אַ מאַטעריעלער שטיצע פּועל׳ן ביי די עלטערן, אַז זיי זאָלן לאָזן זייערע קינדער לערנען.

דערפאַר קען מען גאַרנישט אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון אַזאַ דערציאונגס־אַרבעט און פראָפעסיאָנעלער אויסבילדונג פון דעם יונגן דור פון די אָריענטאַ־לישע אידן. געוויס איז דאָס פאַרבונדן מיט גרויסע קאָסטן. די רעגירונג קען זיך נאָך נישט דערלויבן אַליין אויסצוהאַלטן מיטל־שולן און פאַך־לערן־אַנ־שטאַלטן. די רעגירונג פאַרזאָרגט די קינדער מיט אומזיסטער אָבליגאַטאָרי־שער עלעמענטאַרער בילדונג אין די פאָלקס־שולן. פאַר די ווייטערדיקע שטודיען דאַרף מען זוכן אַנדערע מיטלען. איך האָב געהערט, אַז די קאָסטן פון אויסהאַלטן אַ תּלמיד אין אַזאַ פאַך־שולע באַטרעפן אַרום צוועלף הונדערט פונט אַ יאָר. און פון די סטיפּענדיעס וואָס ווערן געגעבן די קינדער פון אומ־באַמיטלטע עלטערן, ווערן אַרום אַכציק פּראָצענט פאַרטיילט פאַר יוגנטלעכע פון די „עדות המזרח".

ווען איך טראַכט וועגן אָט די קינדער, שטייט פאַר מיינע אויגן דאָס בילד פון דעם סימפּאַטישן תימנ׳ער אינגל אין ירושלימ׳ער האָטעל, פון דעם קינד מיט די רויטע בעקעלעך און זיסע אויגן, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אַרבעטן אין די פרימאָרגנס, אַז ער זאָל קענען לערנען נאָכמיטיק. ער ווייסט נאָך אפשר אַליין נישט, אַז ער איז ממשיך מיט דעם אַן אַלטע טראַדיציע פון אָרעמע אידישע קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן גרויסע למדנים. אַלע קינדער פון די אָריענטאַלישע אידן — ווי אָט דאָס תימנ׳ער אינגל — האָבן אַ שטאַרקן חשק צו לערנען. און ווען זיי וועלן טאַקע לערנען, וועט ביי דעם איצט אויפוואַקסנדיקן דור ניט זיין מער קיין באַזונדער פּראָבלעם פון די „עדות המזרח“.

יאַנואַר 1965

דאָס ליד פון אַ אינגל און אַ מיידל אויף דעם באַרג גלבוע

„קיין שום פאָלק באַקומט נישט זיין מדינה אויף אַ זילבערנער טאַץ".
— חיים ווייצמאַן

„. . . און מיט אַ האַרץ אַ צעריסנס שטיין
וועט דאָס פאָלק
און מקבל זיין דעם נס,
וואָס האָט ניט קיין גלייכן — —

„דאַן וועלן צוזאַמען
אַ אינגל און אַ מיידל
פּאַמעלעך אַרויסגיין דעם פאָלק אַנטקעגן.

„מיט שווערן טראָט, פון מלחמה נאָך באַלאַסטעט,
מיטן שטעג וועלן זיי קומען
שטיל און פאַרטראַכט.

„דאַן וועט דאָס פאָלק דערשפּירן
פון צויבער דעם שאַץ
און פרעגן: „ווער זענט איר?"
וועלן מיט אַ רואיקער מינע ענטפערן זיי:

„מיר זיינען די זילבערנע טאַץ,
וואָס אויף איר האָסטו באַקומען
די אידישע מדינה!"
(„די זילבערנע טאַץ", פון נתן אַלטערמאַן. אידיש: ד. ב. מאַלקין.)

לאָמיר איך דערציילן וועגן אַ אינגל און אַ מיידל אויפן הר גלבוע. דאָס איז נישט קיין פשוט'ע געשיכטע.

איך ווייס נישט צי דער פּאָעט פון נייעם ישראל, נתן אַלטערמאַן, האָט אין זיין פּראָכטפולן ליד געמיינט דעם בחור און דאָס מיידל, וואָס איך האָב באַגעגנט, — און באַוואונדערט, — אין דעם נייעם ישוב מעלה הגלבוע, אָבער לאָמיר איך דערציילן מיין געשיכטע.

איך בין אַרויפגעפאָרן אויפן באַרג גלבוע צו באַקענען זיך מיט דעם נייעם ישוב, וועלכער איז, בעת איך בין (אין 1963) דאָרט געווען אַנהויב נאָוועמבער, נאָך ניט אַלט געווען אַפילו אַ יאָר צייט. אָבער איך האָב געפונען מעלה הגלבוע שוין איינגעאָרדנט און באַפעסטיקט. עס שטייען שוין דאָרט הייזער, וואו עס וואוינען די יונגע בויער פון דעם ישוב. אין מעלה הגלבוע, ווי אין אַנדערע ענלעכע ישובים, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן אין משך פון די פאַרגאַנגענע עטלעכע יאָר, האָט זיך פאַרקליבן אַ גרופּע פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע נח״ל („נוער חלוצי לוחם״), וואָס שפּילט איצט אַ באַזונדערע העראָאיש־פּיאָנערישע ראָלע אין אויפשטעלן נייע וויכטיקע פּונקטן אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד, בפרט אויף די גרענעצן.

אויב מען וויל באמת פאַרשטיין די הערלעכע אויפגאַבע, וואָס די יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָט גענומען אויף זיך, דאַרף מען צוריקגיין צו די צייטן פון עזרא און נחמיה און זיך דערמאָנען אין דעם פּסוק, וואָס שילדערט אַ גאַנצע עפּאָכע: „באחת ידו עושה במלאכה ואחת מחזקת השלח״ — מיט איין האַנט האָבן זיי געטאָן זייער אַרבעט און מיט דער אַנדערער האָבן זיי געהאַלטן דעם וואָפן. (נחמיה ד׳, י״ב).

אַזוי איז עס אויך איצט. די מיטגלידער פון „נוער חלוצי לוחם״ בויען דאָס לאַנד מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער פאַרטיידיקן זיי די מדינה.

האָב איך געזען אַט־די יונגע בויער און קעמפער אין דעם ישוב מעלה הגלבוע, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן דורכן קרן קימת לישראל אין יאָר 1962, אין דעם גדענק־טאָג פון 29טן נאָוועמבער, וואָס איז דער יאָרטאָג פון היסטאָרישן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַרייניקטע פעלקער וועגן דער באַנייאונג פון דער אידישער מדינה. עס איז געוואָרן אַ שיינע טראַדיציע ביים קרן קימת לישראל צו גרינדן אין דעם טאָג פון יאָר צו יאָר נייע ישובים, און טאַקע אויף די גרענעצן פון לאַנד, וואו עס באַזעצן זיך גרופּעס פון „נוער חלוצי לוחם״.

מעלה הגלבוע ליגט אויף דער גרענעץ פון דער ירדן־מלוכה. ווען איר קוקט אַראָפּ פון דעם שפּיץ באַרג, אויף וועלכן דער ישוב איז אויפגעשטעלט, זעט איר פאַר זיך אויף דער אַנדערער זייט, אונטן, אַן אַראַביש דאָרף אין דער ירדן־מלוכה, און איר דאַרפט ניט זיין קיין גרויסער ידען אין הלכות פאַרטיידיקונג צו דערקענען גלייך, אַז איר געפינט זיך אין אַ וויכטיקן סטראַטעגישן פּונקט פון דער מדינה.

בין איך אַרויפגעגאַנגען אויף דעם סאַמע שפּיץ באַרג, דאָרט וואו עס שטייט יומם ולילה אַ וואַך צו באַשיצן אַט די מיליטעריש־חלוצישע פּאָזיציע פון לאַנד. און איך האָב דערזען פאַר זיך אַ פּאַטעטיש בילד. די וואַך האָט גע־

האַלטן אַ יונג מיידל, אַ חברה פון דעם ישוב. זי איז איינע פון אַ סך אין דער גרופּע פון נוער חלוצי לוחם. און גראַד איז איר גרופּע אַ רעליגיעזע. אַלע בחורים און מיידלעך אין מעלה הגלבוע זיינען חברים און חברות פון הפּועל המזרחי. איז געשטאַנען אַט־דאָס פרומע אידישע מיידל מיט אַ ביקס אין דער האַנט, און איינע אַליין האָט זי געהאַלטן די שמירה דאָ, ביי דער סאַמע גרע־נעץ פון דער פיינטלעכער ירדן מלוכה, דאָ, אין דעם קריטישן, סטראַטעגישן פּונקט, וואו עס איז נישט אַלעמאָל אַזוי רואיק ווי עס איז געווען בעת איך בין דאָרט געשטאַנען און געקוקט אויף דער יונגער, העלדישער טאָכטער פון ישראל.

איך האָב זיך נישט געקאָנט געזעגנען אַפּוואונדערן פון איר. אינגאַנצן ציילט זי ניינצן פרילינגען אין איר לעבן — האָב איך זיך דערוואוסט פון מיין קורצן שמועס מיט איר. זי איז אַ געבוירענע אין ירושלים. און דער ספּעציפישער חן פון די ירושלימ׳ער טעכטער איז אויסגעגאָסן אויף איר קליין פּנימ׳ל מיט דעם זיסן צניעות׳דיקן שמייכל. אירע עלטערן זיינען געקומען פון פּוילן. זי אַליין, די סאַברא, האָט קיינמאָל ניט געזען דעם גלות. ווען זי איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, איז אָנגעגאַנגען דער לעצטער גרויסער געראַנגל פאַר דער באַפרייאונג פון דער מדינה. זי איז שוין „אַריינגעבוירן" געוואָרן אין דער מדינה און זי באַשיצט דאָס אידישע לאַנד אין די שענסטע יאָרן פון איר לעבן. אַט־דאָ, אויף דעם וויכטיקן גרענעץ־פּונקט, ליגט אין דער מינוט די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דער מדינה, אין די הענט פון אָט־דער בראַווער, שטילער, חנ׳עוודיקער און העלדישער טאָכטער פון ירושלים.

וואָס פאַר אַ וואונדערלעך בילד!

און איך האָב געקאָנט גאַנץ קלאָר זען אויף אָט דעם קליינעם, יונגן מיידל, אַז זי פילט זיך שטאָלץ און גליקלעך מיט דער ראָלע, וואָס עס איז איר אויס־געפאַלן צו שפּילן אין דער באַנייטער אידישער מדינה, און מיט דער אויפגאַבע, וואָס זי האָט גענומען אויף זיך. זי האָט אַזוי זיס און ליב געשמייכלט, שטייענ־דיק אויף דער וואַך מיט דער ביקס אין דער האַנט, און זי האָט געהאַלטן די שמירה מיט אַזוי פיל זיכערקייט און גראַציע.

מיר איז געווען שווער אָוועקצוגיין פון דעם אָרט. איך זע נאָך איצט פאַר זיך דאָס דאָזיקע פּאַטעטישע בילד. און ווען איך בין פאַרבליבן דאָרט אַ ביסל לענגער, איז אָנגעקומען אַ בחור, אויך אַ חבר פון דעם ישוב מעלה הגלבוע, און אויך אַ מיטגליד פון דער זעלבער גרופּע פון נוער חלוצי לוחם. ער איז געקומען פאַרבייטן זיין חבר׳טע און אַליין זיך שטעלן אויף דער וואַך מיט דער ביקס אין האַנט. אויך ער איז געווען אַ גאָר יונגיטשקער, אַ אינגל מיט דער מאַמעס מילך אויפן פּנים — וואָלט מען ביי אונז געזאָגט. אַ רעליגיעזער

בחור, ווי אַלע חברים פון דעם ישוב מעלה הגלבוע. איך האָב אים געפרעגט פון וואַנען ער שטאַמט. און ער האָט מיר געענטפערט מיט שטאָלץ, אַז ער איז אַ זון פון פראַנקפורטער אידן. זיינע עלטערן זיינען געקומען מיט דער „דריי־טשער" עליה. ער אַליין איז שוין אַ געבוירענער אין לאַנד, אַן אמת'ער סאַברע. אָבער ביי זיי אין דער היים היט מען אָפּ ביז איצט די טראַדיציאָנעלע פראַנקפורטער אידישקייט, און ער איז אויפגעוואַקסן אין דעם דאָזיקן גייסט און אין דער דאָזיקער סביבה

איצט שטייט ער אויף דער וואַך פון דער מדינה, אין דעם וויכטיקן סטראַטעגישן פונקט, ביי דער סאַמע גרענעץ. דער זון פון טראַדיציאָנעלע פראַנקפורטער עלטערן, דאָס אינגל מיט די טיפע בלויע אויגן און זיכערן שאַרפן בליק, האָט איבערגענומען די שמירה פון דעם מיידל פון ירושלים, פון דער טאָכטער פון פוילישע אידן, און דאָס אינגל, ווי דאָס מיידל, איז גליקלעך מיט זיין שליחות, און דערפילט זי מיט דער פולער אחריות און מיט דער גרויסער פרייד, וואָס מען קאָן אַראָפּלייענען פון זיין פרישן, ליבן פנים.

דאָס איז מיין געשיכטע וועגן אַ אינגל און אַ מיידל אין מדינת ישראל. ס'איז אפשר ניט קיין ליד. אָבער אפשר אויך — „אויב ניט נאָך העכער".

***

מיין עובדה איז צו שרייבן פּראָזע. און די פּראָזע, וואָס איך האָב געזען דאָ, אויפן שפּיץ־באַרג אין מעלה הגלבוע, איז באַשטאַנען פון צעגראָבענע אָקאָפּעס, טראַנשייען, וואָס זיינען דורכגעפירט ניט ווייט פון דאָרטן. מען דאַרף זיין גרייט על כל צרה שלא תבא. און די יונגע, בראַווע, העלדישע שומרים פון ישראל, די בחורים מיט די מיידלעך זיינען גרייט.

דאָס איז אָבער בלויז אַ טייל פון די מעשים און פון דעם לעבן דאָ, אין דעם נייעם גרענעץ־ישוב. און סוף כל סוף איז עס נישט דער גרעסטער טייל. די הויפּט־אַרבעט באַשטייט דאָ אין בויען, אין אַנטוויקלען דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב, וואָס איז אויפגעשטאַנען אויף דעם היסטאָרישן אָרט, אויפן באַרג גלבוע, אויף וועלכן דוד המלך האָט געהאַט געוואָרפן אַ שווערע קללה, אין זיין קלאָג־ליד נאָכן טויט פון שאול המלך און יהונתן, זיין זון, וואָס זיינען דאָ געפאַלן אין דער מלחמה מיט די פלישתים.

הרי בגלבוע, אל טל ואל מטר עליכם — האָט געקלונגען דוד המלכ'ס קללה. און די יונגע בויער און וועכטער זיינען געקומען אַהער און האָבן בטל געמאַכט די קללה פון דוד מלך ישראל. „עס וועט יאָ זיין טוי, און עס וועט יאָ זיין רעגן אויפן באַרג גלבוע!" — האָבן זיי געזאָגט און איינגע'עקשנ'ט זיך. און זיי אַקערן, און זיי זייען, און זיי בויען.

מעלה הגלבוע, ווי די מערסטע אַנדערע נייע גרענעץ־קיבוצים, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען איבערן לאַנד, געפינען זיך אין געגנטן, וואו שוין במשך פון פיל הונדערטער יאָרן איז נישט געווען קיין מענטשלעכער ישוב. פאַרשטיי־נערט, פאַרלאָזן און ווילד איז דאָ געווען דאָס לאַנד, ביז עס זיינען געקומען אַהער די ספּעציאַליסטן און אַרבעטער פון קרן קימת לישראל, וואָס האָבן אויפגעריכט און געמאַכט אויפבליען די ערד, און די גאַנצע געגנט, צוגרייטנ־דיק דעם באָדן פאַר די חלוצישע בויער און שומרים, וועלכע זיינען געקומען אַהער און האָבן אָנגעהויבן אַ נייעם ישוב. דער טאָג, ווען עס ווערט אויפ־געשטעלט אַזאַ נייער ישוב, וואָס ווערט באַטראַכט ווי אַ מין המשך פון מעשה בראשית, איז אַ יום־טוב אין דער מדינה.

ווייס איך ניט צי דאָס געהערט צו פּראָזע, אָדער צו פּאָעזיע. וואָס איך ווייס, איז — אַז שטייענדיק אויפן שפּיץ פון הר גלבוע, האַרט ביי דער גרענעץ פון שונא, פון דער ירדן־מלוכה, און זעענדיק ווי דער בחור מיטן מיידל, פריער דאָס מיידל און דערנאָך דער בחור, האַלטן די וואַך, באַשיצנדיק די מדינה, האָב איך זיך דערמאָנט אין נתן אַלטערמאַנ׳ס פּרעכטיק און טיף־רירנדיק ליד:

„ווער זענט איר?“ —

„מיר זיינען די זילבערנע טאַץ,
וואָס אויף איר האָסטו באַקומען
די אידישע מדינה!“

נאָוועמבער 1963

איינער פון 110,000 איינזאַמע קינדער

„איך בין איינער אַליין אין לאַנד. מיינע עלטערן קומען נישט. איך האָב נישט קיין אייגענע. אָבער מיר זיינען דאָך דאָ אַלע איין משפחה, יאָ, איין משפחה!" —

אַזוי האָט גערעדט צו מיר דער שומר אויפן שפּיץ באַרג אויף וועלכן איך בין אַרויפגעפאָרן, אין די הרי שומרון. דאָרט, האַרט ביי דער גרענעץ פון דער ירדן־מלוכה, איז לעצטנס אויפגעשטעלט געוואָרן אַ נייער ישוב, דער נייעסטער אין דער מדינה. זיין נאָמען איז מי־עמי. פון וואַנען עס קומט דער דאָזיקער אַ ביסל משונה׳דיקער נאָמען, וועל איך שפּעטער אויפקלערן. ווען איך בין געווען אויף דעם אָרט, נאָך אַ נסיעה אין די בערג, האָט עס געהאַלטן ערב „אַרויפגיין אויף דער ערד" אין דעם נייעם ישוב. דאָס מיינט די אָפיציעלע גרינדונג, דער חנוכת הבית, ווען די יונגע פּיאָנערן, די נייע תושבים בלייבן שוין דאָרט, האַבנדיק אין דעם טאָג ביי אַ פייערלעכער צערעמאָניע אַרויפגעשטעלט אַ נייעם פּונקט אויף דער מאַפּע פון דער אידישער מדינה.

אָבער דער יונגער שומר איז שוין דאָרט געשטאַנען, אויף דעם סאַמע שפּיץ באַרג, נאָך איידער דער ישוב איז געעפנט געוואָרן. און איך האָב זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט אים.

נישט מיט קיין טאָן פון באַקלאָגן זיך האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער איז איינער אַליין אין לאַנד, אָן עלטערן, אָן קרובים. ער האָט מיר דערציילט בקיצור זיין לעבנס־געשיכטע. ער איז געקומען קיין ישראל מיט אָן ערך דרייצן יאָר צוריק. ער שטאַמט פון טאַנזשער, אין צפון־אַפריקע, וואָס איז פריער געווען אַן אינטערנאַציאָנאַלע טעריטאָריע און איז מיט עטלעכע יאָר צוריק פאַר־איניקט געוואָרן מיט דער מאַראָקאַנער מדינה. קיין ישראל האָט אים גע־בראַכט די אָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט־עליה. זיינע עלטערן אין טאַנזשער האָבן מסכים געווען, אַז ער זאָל אַוועקפאָרן. ער איז געקומען מיט אַ גרופּע חברים פון טאַנזשער. אין ישראל איז ער אַריינגענומען געוואָרן אין אַן אַנ־שטאַלט פון דער יוגנט־עליה, וואו ער האָט געלערנט און איז דערצויגן געוואָרן. עס איז געקומען די צייט, ווען ער האָט געדאַרפט אַרויסגיין פון דעם אַנ־שטאַלט און טראַכטן וועגן אָנהויבן אַ זעלבסטשטענדיק לעבן. האָט ער זיך אַנגעשלאָסן אָן דער ישראל׳דיקער גרענעץ־פּאָליציי. און איצט שטייט ער דאָ, אויף דעם אָרט, ביי דער גרענעץ פון דער ירדן־מלוכה, און היט די אידישע מדינה.

דער יונגער בחור זאָגט מיר, אַז ער איז זייער צופרידן פון דער באַשעפ־טיקונג, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן. ער האָט ליב די אידישע מדינה און האַלט טייער דעם אמת, וואָס מען האָט אים אָנפאַרטרויט. ביט מער, ער האָט שוין לאַנג נישט געהערט פון זיינע עלטערן. ער האָט געמיינט, אַז אויך זיי וועלן עולה זיין קיין ישראל. אָבער זיי קומען נישט.

איז ער איינער פון די הונדערט צען טויזנט אַזעלכע יונגע קינדער, וועלכע די אָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט־עליה האָט געבראַכט קיין ישראל. ווען איך בין געווען אין מדינת ישראל, איז גראָד געפייערט געוואָרן דער דרייסיק־יאָריקער יובילי פון דער יוגנט־עליה, וואָס ווערט אַזוי שטאַרק געשטיצט דורך דער אַמעריקאַנער „הדסה״. הונדערט צען טויזנט אידישע קינדער זיינען במשך פון די דרייסיק יאָר אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון דעם עמק הבכא אין אייראָפּע און אין צפון־אַפריקע, אין די שווערסטע צייטן פאַר און נאָך דער מלחמה. און איצט פאַרנעמען זיי מיט צופרידנקייט און כבוד זייערע ערטער אין דער מדינה — אין אויפבוי, אין דער אַרבעט, אין דער פאַרטיידי־קונג.

שטייט איצט דער בחור פון טאַנזשער דאָ, אויף דעם שפּיץ באַרג און האַלט די וואַך אויף אַ וויכטיקן סטראַטעגישן פונקט פון דער מדינה, וואו עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער נייער גרענעץ־ישוב מי־עמי.

***

פונקט אַנטקעגן מעלה הגלבוע, וואָס איך האָב געשילדערט אין פריערדיקן קאַפּיטל, ליגט דער נייער ישוב מי־עמי, וואָס האָט אַן אינטערעסאַנטע גע־שיכטע. די פייערלעכע גרינדונג פון נייעם ישוב איז פאָרגעקומען דעם 28טן נאָוועמבער 1963. דאָס „אַרויפגיין אויפן לאַנד״ האָט געדאַרפט דורכגעפירט ווערן דעם 29טן נאָוועמבער, אין דעם יאָרטאָג פון דעם היסטאָרישן באַשלוס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער וועגן דער באַנייאונג פון דער אידישער מדינה. אָבער דער 29טער נאָוועמבער איז אין יאָר 1963 אויס־געפאַלן אין אַן ערב שבת, האָט מען צוליב קדושת שבת זיך מקדים געווען, און איינגעאָרדנט די פייערלעכע צערעמאָניע דאָנערשטיק, אַ טאָג פריער.

ווען איך בין דאָרט געווען, אָנהויב נאָוועמבער 1963 זיינען שוין געשטאַ־נען הייזער, גרייט אויפצונעמען די יונגע פּיאָנערן. אַ גרויסער „חדר האוכל״ איז שוין געווען אויפגעשטעלט. וואַסער איז שוין געווען צוגעפירט. איך האָב געזען פאַר מיר אַ ישוב, וואָס האָט געוואַרט אויף דער גרופּע „נוער חלוצי לוחם״, וועלכע האָט זיך שפּעטער באַזעצט און איינגעאָרדנט אין מי־עמי, ווי

אַנדערע חברים פון דער זעלבער יוגנט־אָרגאַניזאַציע האָבן עס געטאָן פריער אין אַנדערע גרענעץ־פּונקטן אין לאַנד.

אַזוי ווערט איצט געגרינדעט אַ נייער ישוב אין לאַנד. די ערשטע נויטי־קע בנינים ווערן פריער אויפגעשטעלט, לויט דער געהעריקער פּלאַנירונג. אַ גרויסער שטח לאַנד ווערט פריער אויפגעפרישט און אויפגעריכט דורכן קרן קימת לישראל פאַר אַגריקולטור. אין מי־עמי האָט דער קרן קימת לישראל געהאַט צוגעגרייט פאַר לאַנדווירטשאַפט 1,200 דונאַם ערב דער גרינדונג פון דעם ישוב. און נאָך דריי טויזנט דונאַם קולטיווירטן באַדן וועלן איבער־געגעבן ווערן פאַר די יונגע בויער. אַ גרויס דאַרף וועט דאָ אויסוואַקסן מיט דער צייט. אויך אַ ספּעציעלער וועג איז דורכגעבראָכן געוואָרן אין די בערג. און מען קאָן שוין איצט צופאָרן פריי צו דעם נייעם ישוב. ערשט נישט לאַנג האָט מען קוים געקאָנט טראַכטן וועגן אַ מעגלעכקייט צוצוקומען אויף דעם אָרט.

**
*

און פון וואַנען שטאַמט טאַקע דער אַ ביסל מאָדנע קלינגענדיקער נאָמען מי־עמי פון דעם נייעם ישוב? ס'איז נישט שווער צו געבן אַן ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס אַ סך אין ישראל שטעלן, זוכנדיק דעם מקור. „מי־עמי" מיינט, איבערזעצט אין אידיש, „דאָס וואַסער פון מיין פאָלק". דאָס איז אָבער נישט די דערקלערונג פאַר דעם נאָמען. מי־עמי נעמט זיך פשוט פון מיאַמי אין פלאָרידע. אידן אין מיאַמי האָבן דווקא געוואָלט, אַז דער נייער ישוב אין ישראל, וואָס זיי וועלן העלפן אויפשטעלן, זאָל טראָגן אַן ענלעך קלינגענדיקן נאָמען, ווי זייער שטאָט, צו וועלכער זיי פילן זיך שטאַרק צוגעבונדן. גאַנץ לייכט איז געפונען געוואָרן אַן אופן, ווי אַזוי באַכצוקומען זייער באַרעכטיקטן וואונטש. און פון מיאַמי איז געוואָרן מי־עמי, וואָס שטייט שוין איצט אויף דער מאַפּע פון ישראל.

לכתחילה האָבן די אידן אין מיאַמי אויך געוואָלט — ווי עס האָט דער־ציילט דער פּרעזידענט פון קרן קימת לישראל אין ירושלים, ד"ר יעקב צור — אַז דער ישוב, וואָס זיי וועלן העלפן גרינדן, זאָל אויפגעשטעלט ווערן אין דער אידישער מדינה ביים ברעג ים און זאָל טאַקע אויך אויסערלעך דערמאָ־נען זייער שטאָט. מען האָט זיי אָבער דערקלערט, אַז דער ים־ברעג אין ישראל איז שוין געדיכט באַוואוינט, און אַז נייע ישובים זיינען נויטיק ביי די גרענעץ־פּונקטן מיט די אַראַבישע מלוכות. אַזעלכע ישובים ווערן אויך וויכ־טיקע פּאָזיציעס פאַר דער פאַרטיידיקונג פון לאַנד. און אַזוי איז אויסגעקליבן געוואָרן דאָס אָרט אין צפון־טייל פון לאַנד, אין אַ פּונקט, וואָס איז ביז איצט

געווען פאַרלאָזן, צווישן די בערג פון שומרון, אויף אַ בערגל אין דעם טאָל עירון, ביי דער גרענעץ פון דער ירדן־מלוכה.

ווען איך בין דאָרט געווען צום ערשטן מאָל, האָב איך געקאָנט אָפּשאַצן די וויכטיקייט פון אויפשטעלן אַ ישוב אין אַזאַ סטראַטעגישן פּונקט פון דער מדינה. דאָס מיינט אָוועקשטעלן דאָרט נישט נאָר בויער, נאָר אויך פּאַרטיי־דיקער. און די געשיכטע פון ארץ־ישראל וויסט צו דערציילן, אַז אָט דער נייער ישוב, מיט דעם נאָמען מי־עמי ליגט אויף אַן אַלטן וועג, וואָס האָט שוין געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין לאַנד אין די ווייט־ווייטע צייטן און אויך אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

עירון איז אַ שמאָלער טאָל, וואָס האַקט־דורך די שומרון־בערג און פאַר־בינדט דעם שרון מיטן עמק יזרעאל. דורך דעם עירון־טאָל, וואָס ווערט איצט אויפגעלעבט מיט דעם נייעם ישוב מי־עמי, האָט שוין אין די אור־אַלטע צייטן זיך געצויגן אַ וויכטיקער האַנדלס־וועג צווישן דרום און צפון, צווישן מצרים און דעם ים־ברעג פון ארץ־ישראל מיט די לענדער ביי די טייכן פּרת און חידקל. דאָס איז געווען אַמאָל. און אין אונזער צייט האָט אין דעם עירון־טאָל זיך אָפּגעשפּילט די דעצידירנדיקע שלאַכט בעת דעם מאַרש פון ענגלישן גענעראַל אַלענבי, וועלכער האָט באַפרייט ארץ־ישראל פון דער טערקישער הערשאַפט. אין יאָר 1918 האָבן גענעראַל אַלענבי׳ס טרופּן דאָ צעשלאָגן די טערקישע אַרמיי און האָבן פון עירון־טאָל מאַרשירט ווייטער, אין עמק יזרעאל, צום גליל און קיין סיריע.

אין ישראל׳ס באַפרייאונגס־מלחמה, אין 1948, האָבן די איראַקישע זעל־נער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אינוואַזיע אויף דער אידישער מדינה, זיך געהאַט אַריינגעריסן אין דעם עירון־טאָל. ערשט נאָכדעם ווי עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן דער וואָפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך צווישן ישראל און דער ירדן־מלוכה, איז דער עירון־טאָל צוריק אַריבער צו ישראל. דורכן אויפשטעלן דאָרט, אויף אַ בערגל, דעם נייעם ישוב מי־עמי באַקומט די גאַנצע געגנט איר אַלטע אויסגעפּרואווטע באַדייטונג. און ווידער ווערט אַ פאַרלאָזענע געגנט פון לאַנד געעפנט פאַר אויפבוי און אַנטוויקלונג.

***

איך האָב זיך געזעגנט מיט דעם בחור פון טאַנזשער, דעם שומר פון ישראל׳ס גרענעץ־פּאָליציי, וועלכער איז דאָ, דערוויל, געשטאַנען איינער אַליין אויף דער וואַך. אָבער ער האָט שוין געוואוסט, אַז באַלד וועלן אַהער אָנקומען אַנדערע, וועלכע וועלן, אַזוי ווי ער, זיך שטעלן אויף דער פּאָזיציע

צו באַשיצן די גרענעץ און בויען אַ נייעם ישוב, דאָ אויף דעם אַלט־נייעם וויכטיקן פונקט פון דער מדינה.

ווען איר וועט איצט פאָרן אויף אַ באַזוך אין ישראל, פאַרפעלט נישט אַריינצוכאַפּן זיך אין מי־עמי. איר וועט זיין אין דעם נייעם ישראל׳דיקן ישוב, אין אַן אַלטער געגנט, וואָס וואַכט איצט אויף צו אַ ניי לעבן, אָבער וואו איר זעט נאָך די שפּורן און איר פילט נאָך די סביבה פון דער גרויסער, גלאָררייכער פאַרגאַנגענהייט.

נאָוועמבער 1963

אַ מעשה נורא מיט אַ אינגל און אַ הונט

„אלט דאָס אינגל ווערט אויסוואַקסן אַ גאון, און די מדינה וועט נאָך האָבן פון אים אַ סך נחת" — זאָגט מיר דער אָנפירער פון דער קינדערהיים, אַן אויסגעצייכנטער מאָדערנער פּעדאַגאָג־פּסיכיאַטער.

און ער גיט־צו:

„איר וועט זיכער מסכים זיין מיט מיר, ווען איר וועט זיך באַקענען נענטער מיט דעם בחור און מיט זיין געשיכטע".

איך האָב זיך געפונען אין דעם קינדער־דאָרף אונים. אַ נסיעה פון דריי־פערטל שעה פון תל־אביב האָט מיך געבראַכט אַהין. דער קינדער־אַנשטאַלט אין אונים איז איינער פון די שענסטע און — ווי איך האָב זיך איבערצייגט — איינע פון די וויכטיקסטע סאָציאַלע אינסטיטוציעס פון דער הסתדרות. „אונים" איז אַ דערציאונגס־ און רעהאַביליטאַציע־אַנשטאַלט פאַר פּראָבלעם־קינדער, פאַר זין און טעכטער פון נייע עולים, וועלכע זיינען אַרויסגעקומען גייסטיק־צעבראָכענע פון זייערע פריערדיקע וואוין־לענדער. און עס איז ניט די שולד פון די אָרעמע קינדער. בכדי אַרויפצופירן אויף אַ גייסטיקן גלייכגעוויכט די קינדער, דאַרף מען פאָרשן זייערע עלטערן, און אין די מערסטע פאַלן האָט מען דאָ צו טאָן בלויז מיט אַ פאָטער, אָדער בלויז מיט אַ מאַמען. דאָס זיינען צעשטערטע פאַמיליעס, וועלכע האָבן געפירט אַ לעבן ביי שרעקלעך אומנאָרמאַלע באַדינגונגען. אַרום־און־אַרום זיינען עס ביטערע נאָכוויי־ען פון דער מלחמה און פון די היטלערישע מאָרד־ און קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

פאַראַן שווערע פּראָבלעמען מיט קינדער פון אַזעלכע נייע עולים אין ישראל. אויב מען זאָל זיך ניט פאַרנעמען מיט זיי באַזונדער, וועט די גאַנצע משפּחה ניט קענען קומען צו זיך און ניט קענען איינלעבן זיך אין דער נייער, געזונטער סביבה אין אידישן היימלאַנד. האָט די הסתדרות, וואָס פירט דורך בכלל אַ ריי זייער וויכטיקע אַרבעטן פאַר דער איינאָרדענונג פון די נייע עולים, אויפגעשטעלט אַ ספּעציעלע אינסטיטוציע פאַר אַזעלכע קינדער, וואו אונטער דער אויפזיכט פון דערפאַרענע פּעדאַגאָגן און סאָציאַלע אַרבעטער — ווערן די דאָזיקע צערודערטע און צעטומלטע אינגלעך און מיידלעך איבערדערצויגן און אַרויפגעפירט אויף אַ וועג, אַז זיי זאָלן קענען אָנהויבן אַ נאָרמאַל און נוצלעך לעבן אין דער אידישער מדינה.

פאַרנעמט מען זיך אין אונים מיט יעדן קינד באַזונדער. ווייל יעדעס קינד האָט אַן אַנדערן פּראָבלעם, אַן אַנדערן פּסיכישן ווייטיק, וואָס דאַרף געהיילט ווערן און געשטילט ווערן. האָב איך אין דעם קינדער־דאָרף געזען מערערע פון די אינגלעך און מיידלעך, וועלכע זיינען אַהין אַריינגענומען געוואָרן און ווערן דאָרט אויסגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. איך האָב געהערט זייערע אויסערגעוויינלעכע און ניט ווייניק פיינלעכע געשיכטעס. וועל איך דאָ דערציילן די מעשה נורא וועגן אַ אינגל פון פּוילן מיט אַ הונט, וואָס איז געווען אין אונים, און וועגן וועמען דער אָנפירער פון דעם אנשטאַלט האָט מיר געזאָגט מיט גרויס צופרידנקייט און שטאָלץ, אַז דער בחור וועט נאָך ווערן באַרימט אין ישראל מיט זיינע פעאיקייטן, וואָס זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן און אַנטוויקלט געוואָרן אין דער קינדערהיים.

***

מיט דעם שטראָם פון דער נייער עליה איז געקומען פון פּוילן אַ פרוי, אַן אַלמנה, מיט אַ קינד. די עלנטע פרוי האָט געהאַט שרעקלעכע צרות פון דעם אינגל. ער האָט בשום־אופן ניט געוואָלט זיך לאָזן צורעדן צו זיין ווי אַלע אַנדערע קינדער אין ישראל. ער האָט זיך געוואָרפן מיט די הענט און מיט די פיס, ווען די מאַמע האָט אים געהייסן גיין לערנען אין אַ שולע אין תל־אָביב. ער האָט ניט געוואָלט אָנהויבן לערנען אַ וואָרט העברעאיש. זיין שפּראַך איז געווען פּויליש, און מער האָט ער ניט געוואָלט וויסן. די אָרימע מאַמע האָט זיך ניט געקענט קיין עצה געבן מיט אים. זי האָט באַקומען אַרבעט. זי האָט געקענט האָפן, אַז זי וועט זיך גיך איינאָרדענען אין לאַנד. אָבער וואָס טוט מען מיטן אינגל, וואָס איז אַזוי ווילד, ניט צום אויסהאַלטן?

האָבן די ספּעציעלע אָנגעשטעלטע פון דער הסתדרות, וואָס פאַרנעמען זיך מיט די נייע עולים, זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם שווערן פאַל. דאָס אינגל איז אַריינגענומען געוואָרן אין דער קינדערהיים, אין אונים. די מאַמע האָט געקענט פרייער אָפּעטעמען. אָבער פאַר די דערציער אין דעם קינדער־דאָרף האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע צרות מיט דעם אינגל.

אין דער היים, ביי דער מאַמען, איז זיין ווילדקייט דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער פלעגט ברעכן טעלער. דאָס זעלבע האָט ער גענומען טאָן אין דער קינדערהיים. דאָ האָט ער נאָך אַ היפּש ביסל אויסגעברייטערט די דאָזיקע געוואוינהייט און האָט געבראָכן אַלץ, וואָס ער האָט נאָר געזען און וואָס איז אים נאָר געקומען אונטער די הענט. און די דערציער אין אונים האָבן זיך געבראָכן די קעפּ: וואָס טוט מען מיט דעם ווילדן בחור?

האָט מען אים אָנגעהויבן פאָרשן און אונטערזוכן, און צווישן אַנדערן האָט מען זיך דערוואוסט, אַז ער איז צוגעבונדן צו דעם הונט, וואָס ער האָט געהאָט אין דער היים. עס איז געווען אַ סברה, אַז אויב מען וועט אים ברענגען דעם הונט, וועט זיך דאָס קינד אַביסל באַרואיקן. אָבער אין אַ קינדער־אַנ־שטאַלט איז עס ניט קיין לייכטער ענין. מען קען ניט מאַכן קיין אויסנאַם. אויב מען וועט איין קינד דערלויבן צו האָבן ביי זיך אַ הונט, וועלן אַנדערע פאָדערן די זעלבע פריווילעגיע. דאָך האָט מען איינגעזען, אַז עס איז ניטאָ קיין אַנדערע עצה.

הויבט זיך אָן די מעשה מיטן הונט. ווען מען איז שוין געווען גרייט צו ברענגען דעם כלב פון תל־אביב, פאַסירט אַ געשיכטע, אַז אויפן וועג קיין אונים איז געשען אַ פאַרפאַל מיטן אויטאָמאָביל. דער הונט איז אַרויסגע־שפרונגען און אומגעקומען. האָט מען געדאַרפט קויפן אַ נייעם כלב פאַר דעם אינגל. דאָס איז געטאָן געוואָרן. עס איז שוין ניט געווען דאָס זעלבע. אָבער דער בחור האָט זיך צוגעבונדן אויך צו זיין נייעם הונט. און מען האָט באַ־מערקט, ווי ער אַליין הויבט זיך אָן ענדערן צום בעסערן. עס איז געוואָרן ביי אים אַ וויכטיקער ענין צו פאַרנעמען זיך מיט דעם הונט, און דורך דעם האָט ער בכלל אָנגעהויבן עפּעס טאָן, באַשעפטיקן זיך און אויך לערנען.

דער ווילדער בחור האָט באַקומען די אַמביציע צו דערציען זיין נייעם הונט. ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן הינט אויף פויליש, וואָס איז נאָך אַלץ געווען זיין שפּראַך. און ער האָט ערנסט שטודירט דעם עסק. עס האָט ניט לאַנג געדויערט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער בחור ווערט אַ ספעציאַליסט אויף דערציען הינט.

און אַז מען האָט שוין געהאַלטן מיט אים אַזוי ווייט אין אונים, האָט מען געוואָלט אויספּרואוון, צי ער פאַרמאָגט ניט אויך אַנדערע פעאיקייטן. דער אָנפירער פון דעם קינדער־אנשטאַלט האָט אַריינגעגעבן דעם בחור צו אַ מע־כאַניקער פון ביסיקלעטן, אַז ער זאָל אַרבעטן ביי אים צוויי שעה אַ טאָג. האָט זיך גלייך אַרויסגעשטעלט, אַז דאָס אינגל טויג זיך אויס אויך צו דער מלאכה פון אַ מעכאַניקער. עס איז פאַרביי אַ קורצע צייט, און די קליענטן האָבן געזאָגט, אַז דאָס לערן־אינגל שטייגט שוין אַריבער דעם מייסטער. פון דער אַר־בעט ביים מעכאַניקער האָט ער זיך אָפּגעשפּאָרט געגנוג געלט צו פאַרשאַפן זיך אַן אייגענעם ביסיקלעט, וואָס ער האָט שוין טאַקע געהאַט געקויפט ביי זיין באַלעבאָס.

דערווייל פאַסירט אַ געשיכטע, אַז דער מעכאַניקער האָט געקראָגן אַ גוטן קונה אויף דעם זעלבן ביסיקלעט און ער האָט אים פאַרקויפט פאַר אַ העכערן פּרייז ווי ער האָט גערעכנט זיין לערן־אינגל. דאָס האָט דעם בחור שטאַרק

אויפגעבראַכט. דאָס אינגל איז אַן ערלעכער, מיט אַ שאַרף־אַנטוויקלטן געפיל פאַר יושר. האָט ער גלייך נאָכדעם ווי ער האָט זיך דערוואוסט וועגן משא־ומתן פון זיין באַלעבאָס געזאָגט אַז מער וויל ער פון אים ניט הערן און ניט וויסן. און דער בחור איז אַוועק פון דעם מעכאַניקער, און ער האָט אים טאַקע מער ניט אָנגעקוקט.

אין דעם קינדער־אַנשטאַלט האָט מען געמוזט זוכן עפּעס אַ נייע באַ־שעפטיקונג פאַר דעם אינגל. האָט מען אים באַשטימט פאַר דער אַרבעט ביים האָדעווען ביגען. עס איז געווען אַ גרויסער שפּרונג פון איין מלאכה צו דער אַנדערער. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער בחור האָט זיך אויף אַזויפיל געענדערט צום גוטן, אַז ער וועט זיך באַציען ערנסט צו יעדער אַר־בעט, וואָס מען וועט אים איבערגעבן. און ווען מען האָט אים אַוועקגעשטעלט ביים האָדעווען ביגען, האָט ער קודם־כל זיך איינגעשאַפט אַ גאַנצע פאַך־ליטע־ראַטור, נאָך אַלץ אויף פויליש. בקיצור, ער איז געוואָרן אַ ספּעציאַליסט אויך אין דער נייער באַשעפטיקונג זיינער, און אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער איבערגעשטיגן זיינע אינסטרוקטאָרן. ער איז געוואָרן אַ פּערפעקטער פאַכמאַן פון האָדעווען ביגען, און ער האָט שוין געקאָנט לערנען אַנדערע. בסך־הכל איז ער דאַן אַלט געווען 14 יאָר!

איצט — דערציילט מיר ווייטער דער אָנפירער פון אונים — שטודירט דער בחור אין אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער הויך־שול. ער וואַקסט אַ ספּעציאַ־ליסט — אַן אַגראָנאָם, מיט אייגענע אידייען. מען דערוואַרט פון אים אַ סך אין דער אידישער מדינה, און מען איז זיכער, אַז די דערוואַרטונגען וועלן מקויים ווערן. זיינע פּראָפעסאָרן זעען אין אים אַ גרויסן קומענדיקן כוח פאַר דער אויסברייטערונג פון דער ישראל׳דיקער לאַנדווירטשאַפט מיט נייע וויסנ־שאַפטלעכע מעטאָדן.

אגב, איז כדאי צוריקצוקערן זיך אויף אַ רגע צו דער געשיכטע מיטן הונט. דער בחור האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט דעם, וואָס ער האָט אויס־מושטירט אַ הונט פאַר דער פּאָליציי, און די ישראל׳דיקע פּאָליציי גיט אים איצט אָפּט איבער די אַרבעט — פאַר וועלכע עס זיינען פאַראַן ווייניק ספּע־ציאַליסטן — צוצוגרייטן און אויסבילדן שפּיר־הינט. דער בחור איז געוואָרן אויף דעם אַ גרויסער מומחה. און ער וואָלט שוין אפשר פון דעם אַליין זיך געקאָנט אויסשלאָגן פּרנסה — זאָגט מיר מיין מיטשמועסער, דער דירעקטאָר פון אונים, וועלכער האָט זיך באַזונדערס אָפּגעגעבן מיט דעם מערקווירדיקן אינגל פון פוילן.

די מעשה מיטן הונט איז דערמיט נאָך ניט פאַרענדיקט. עס איז געשען אַזוי — הער איך ווייטער וועגן די מעשים פון דעם אינגל — אַז זיין מאַמע

די אלמנה, האָט נאָכאַמאָל חתונה געהאַט אין ישראל, אָבער זי האָט ניט גע־טראָפן מיטן שידוך. עס איז פאַרביי אַ קורצע צייט און זי האָט זיך אָנגעהויבן שטאַרק קריגן מיט איר צווייטן מאַן. איצט האָט עס שוין געהאַלטן אַזוי, אַז די מאַמע פלעגט קומען אין דעם קינדער־דאָרף זיך אויסוויינען פאַר איר זון און זוכן אַ טרייסט ביי אים — ביי דעם זעלבן זון, וועלכער האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק איר פאַרשאַפט די גרעסטע צרות און זי האָט זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן מיט אים.

איין טאָג, ווען די מאַמע האָט זיך זייער שטאַרק באַקלאָגט פאַר איר זון, אין דעם קינדער־דאָרף אונים, און אים געזאָגט, אַז זי קאָן שוין ניט אויס־האַלטן פון די ווילדקייטן פון איר מאַן — איז ווידעראַמאָל אויפגעשוואומען די מעשה מיטן הונט.

„זעסט, מאַמע! — האָט דאָס איינגל זיך אָנגערופן צו דער אומגליקלעכער פרוי מיט דער בעסטער כוונה — איך האָב טאַקע געוואָלט האָבן אַ בעסערן כלב, אָבער איך האָב זיך צופרידנגעשטעלט מיט דעם, וואָס איך האָב באַ־קומען. טו דו אויך אַזוי, און גיב נאָך דיין מאַן...“

די דאָזיקע משונה׳דיקע ווערטער זיינען ניט געגאַנגען לאיבוד. די מאַמע האָט זיך סוף־כל־סוף באַרואיקט — און אַ גאַנצע משפחה איז געראַטעוועט געוואָרן און וואַקסט שוין איצט אַריין נאָרמאַל אין ישראל׳דיקן לעבן.

אַזעלכע איז שוין איצט די ראָלע פון דעם בחור, וואָס איז געקומען אַ ווילדער קיין ישראל, און וואָס האָט פריער פאַרביטערט דער מאַמען די טעג און יאָרן.

דאָס איז ניט די איינציקע געשיכטע און ניט דער איינציקער משונה׳די־קער פאַל אַזעלכער אין אַט־דעם ספּעציעלן קינדער־אַנשטאַלט פון דער הסתדרות.

וואָס מען טוט אין אַט־דעם קינדער־דאָרף, איז — אַז מען שטילט דאָרט און מען היילט די חבלי קליטה. דאָס איז אַ נייער באַגריף אין ישראל און אַ ביי שווער פּראָבלעם. דאָס מיינט: שטילן די ווייטיקן פון איינאָרדענען זיך, פון איינגלידערן זיך, פון איינוואָרצלען זיך אין אידישן היימלאַנד.

נאָוועמבער 1963

אַ רייזע אַרום ים כנרת — „ממשיכים!״

„מיר דאַרפן מענטשן אין דגניה. אַרייַנ־קריגן נייע חברים צו דער אַרבעט איז ביי אונז דאָס דרינגענדסטע פּראָבלעם. מיר האָבן צובאַקומען לעצטנס עטלעכע משפחות. אָבער עס איז ניט גענוג״.

אַזוי האָט געזאָגט צו מיר יוסף באַראַץ, דער „פּאַטער״ פון דגניה. דאָס זיינען געווען די ערשטע ווערטער זיינע באַלד נאָכדעם ווי איך האָב פאַרפירט דעם שמועס מיט אים וועגן דעם מצב פון זיין קבוצה. עס איז טאַקע זיין קבוצה. און ער איז דער אַלגעמיין־אָנערקענטער און דורך אַלעמען טיף־פאַר־ערטער „טאַטע״ פון דגניה, וואָס איז, ווי אַלע ווייסן, די „מאַמע״ פון די קבוצות אין אידישן היימלאַנד.

יוסף באַראַץ איז איינער פון דעם קליינעם הייפל „חולמים ולוחמים״, וועלכע האָבן מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט צוריק זיך אונטערגענומען צו גרינדן אויף דעם דעמאָלט נאָך ווילדן אָרט אין עמק הירדן,ביים ברעג פון ים כנרת, אַ קאָלעקטיוון לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב. אָט דער נייער אידישער ישוב, דער ערשטער אויף דער מזרח־זייט פון ירדן, האָט געשאַפן געשיכטע אין ארץ־ישראל. דגניה האָט אָנגעזאָגט די גרויסע תקופה פון חלוציזם אין באַ־נייטן אידישן היימלאַנד. פון דגניה איז אַרויסגעקומען און האָט זיך פאַר־שפּרייט איבערן לאַנד דער הערלעכסטער דור בויער און קעמפער, וואָס האָט מיט בלוט און שוויס, מיט אומציילִיקע קרבנות און מיט אַ ביישפּיללאָזן אי־דעאַליזם געלייגט די יסודות פון דער ווידער־אויפגעריכטער אידישער מדינה.

האָב איך, נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר, זיך ווידער באַגעגנט מיט יוסף באַראַצ׳ן אין זיין דגניה. ער זעט אויס אַזוי פריש און אַזוי מונטער ווי פריער. דער „טאַטע״ פון דגניה, און דער זיידע פון קיין עין־הרע אַ גרויסער משפחה, לאָזט זיך ניט איינבויגן פון דער צייט, וואָס לויפט אַזוי גיך. ער איז אַ יונגער זקן. און זיין גרויסע דאגה, וועלכע פאַרשאַפט אים נאָך אַ ביסל קנייטשן אויף זיין הויכן, ליכטיקן שטערן, איז — וועגן נייע מענטשן, וואָס מען דאַרף האָבן אין דגניה.

ער דערציילט מיר, אַז ער איז זייער צופרידן דערפון, וואָס די נייע משפחות, וועלכע באַזעצן זיך איצט אין דגניה און שליסן זיך אָן אָן דער קבוצה, קומען מיט עטלעכע קינדער. דאָס איז אַ דערפרייענדיקע דערשיינונג. עס האָבן זיך איינגעאָרדנט לעצטנס אין דגניה אַ פּאָר פאַמיליעס פון עסטרייך. אין איין פאַמיליע איז די פרוי געווען אַ קריסטין. זי האָט זיך מגייר געווען און

איז איצט אַן איבערגעגעבענע חברה פון דער קבוצה. זי איז געקומען מיט איר אידישן מאַן און מיט פיר קינדער. און די גאַנצע משפחה האָט במשך פון דער קורצער צייט שוין באַוויזן צו געווינען אַ סך סימפּאַטיע ביי די עלטערע חברים פון דגניה.

איך מאַך מיין טראַדיציאָנעלן שפּאַציר איבער דגניה — לויט דעם אַלטן מנהג מיינעם, וואָס איך היט שטאַרק אָפּ ביי יעדן באַזוך אין ישראל — און שמועס ווייטער מיט דעם ליבן, האַרציקן יוסף באַראַץ. מיר קומען צו דרויסן, צו דעם סירישן טאַנק, וואָס איז איינגעזונקען געוואָרן אין זאַמד, ווען די אַרמיי פון דמשק איז באַפאַלן דגניה און האָט זיך פאַרמאַסטן איינצונעמען מיט שטורעם די „מאַמע" פון די קבוצות, אין דער מלחמה פון 1948. די סירישע „העלדן" האָבן דאָ געליטן אַ מיאוס'ע מפּלה. דאָס קליינע הייפל באַשיצער פון דגניה האָט זיי געצוואונגען צו אַנטלויפן. עס איז געשען נאָך אַ נס פון „מסרת רבים ביד מעטים" — דער נס פון דגניה. און דער סירישער טאַנק, וואָס איז דאָ פאַרקראָכן געוואָרן טיף אין דער ערד, שטייט ביזן היינטיקן טאָג אַלס אַ זכר פון דער העלדישער באַפרייאונג פון דגניה און פון דער מיאוס'ער מפּלה פון די אַראַבישע אָנפאַלער.

„איר האָט געפייערט דעם פופציק־יאָריקן יובל פון דגניה", רוף איך זיך אָן צו יוסף באַראַצ'ן, „קאָנט איר מיר זאָגן, אָט אַזוי ווי מיר שטייען דאָ, וואָס, רעכנט איר, דערוואַרט אייער דגניה אין די קומענדיקע פופציק יאָר?"

„איר פאַרלאַנגט פון מיר צופיל", ענטפערט דער „טאַטע" פון דגניה, „וואָס איך קאָן אָבער איך יאָ זאָגן מיט דער גאַנצער זיכערקייט, איז, אַז יעדעס יאָר קומען־פאָר ביי אונז שינויים צום גוטן. מיט יעדן יאָר אַנטוויקלען מיר זיך מער און ווערן גרעסער. און מיר דאַרפן נייע מענטשן!"

מיט דעם האָט זיך אָנגעהויבן און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט דאָס מאָל מיין זייער אָנגענעמער און קורצער שמועס מיט דעם ליבהאַרציקן, טייערן יוסף באַראַץ.

***

איך האָב בעת מיין באַזוך אין ישראל אַריינגעלאָזט זיך אין אַ מין ספּאָרט אויסצופרעגן די פּיאָנערן פון עלטערן דור, וועלכע איך האָב באַגעגנט, ווי אַזוי זיי פאַרקוקן זיך אויף די קומענדיקע פופציק יאָר אין דער אידישער מדינה. אָבער איך האָב זיך גיך איבערצייגט, אַז גערעכט איז געווען דער גרויסער פּקח, חיים ווייצמאַן, אויך מיט זיין באַקאַנטן זאָג, אַז אין דעם לאַנד פון נביאים איז עס אַ שטאַרקע ריזיקע צו זאָגן נביאות.

און דעם גרעסטן פּסק האָב איך באַקומען, ווען איך האָב די דערמאָנטע

קשיה מיינע געשטעלט דעם אויפריכטער פון מדבר אין סדום, דעם חלוץ פון ים המלח, יהודה אלמוג (קאַפּעלאָוויטש), — איינע פון די שענסטע און איבּערעסאַנטסטע פּערזענלעכקייטן אין ישראל, אַן „אַרומגייענדיקע לעגענדע".

„איר ווילט הערן פון מיר, וואָס איך טראַכט וועגן די קומענדיקע פופציק יאָר אין ישראל", האָט יהודה אלמוג מיר אָפּגעענטפערט קורץ און שאַרף — „בסך הכול האָט מען געוואָלט מיך אַריינזעצן אין אַ משוגעים הויז פאַר מיינע פּלענער אין לאַנד אין די פאַרגאַנגענע פופציק יאָר".

***

מיין נסיעה אַרום דעם בלויען ים כנרת, וואָס עס איז תמיד אַ גרויסער נחת, האָב איך דאָסמאָל אויך אונטערגענומען דערפאַר, ווייל איך האָב געוואָלט באַזוכן דעם נייעם קיבוץ אלמגור, אין דער געגנט פון כּורזים, וואָס ווערט איצט אויפגעריכט און אַנטוויקלט.

אין אָט דעם קיבוץ, וואָס ליגט אויף צפון פון ים כנרת, ביי דער גרענעץ פון סיריע, האָט אין אויגוסט 1963 זיך אָפּגעשפּילט אַ שווערע דראַמע. אַראַבּישע אָנפאַלער האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט פון סיריע און דורכגעפירט אַ גרויזאַמען מאָרד אין דעם שטילן און פרידלעכן גרענעץ־ישוב אלמגור. צוויי יונגע חברים פון דעם קיבוץ זיינען געפאַלן קרבנות פון די אַראַבּישע רוצחים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעריסן קיין אלמגור אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט. גאַנץ ישראל איז דערשיטערט געוואָרן. אין דעם זיכערקייטס־ראַט פון דער אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָבן די פאַרשטייער פון די מערסטע לענדער פאַרדאַמט דעם סירישן מאָרד. דער אַגרעסיע־אַקט אין אלמגור איז געווען אַ שרייענדער באַווייז פון דעם אומאויפהערלעכן קריגס־טעראָר, וועלכן די אַראַבּישע שונאים פירן אָן קעגן דער אידישער מדינה.

האָב איך, אַרומפאָרנדיק איבער מדינת ישראל, געוואָלט פאַרקלייבן זיך אויך קיין אלמגור און באַקענען זיך מיט דעם צושטאַנד פון דעם קיבוץ און מיט דער שטימונג צווישן די חברים נאָך די שווערע צוויי אבידות.

איך האָב ניט געדאַרפט לאַנג וואַרטן צו באַקומען דאָס בילד פון אלמגור נאָך דער געשעעניש, וואָס האָט אויפגעטרייסלט ניט בלויז די אידישע מדינה. ווען מיין פרוי און איך זיינען געפאָרן אויף דעם נאָך־ניט אינגאַנצן אויסגעפלאַסטערטן וועג, וואָס פירט צו דעם קיבוץ ביים ים כנרת — גראָד איז עס אויך געווען נאָך אַ רעגן — איז אונז אָנגעקומען אַ לאַסט־אויטאָ, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען עטלעכע חברים פון אלמגור. אונזערע אויטאָמאָבּילן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, און איך האָב גלייך אַ פרעג געטאָן די יונגע בחורים פון אלמגור, וואָס עס הערט זיך ביי זיי. זיי האָבן פאַרשטאַנען, וואָס איך מיין.

און זיי האָבן זיך אויך אָנגעשטויסן פאַרוואָס איך האָב בכלל אונטערגענומען די נסיעה צו זיי, אין דער געגנט.

דער ענטפער, וואָס איינער פון די חברים פון אלמגור האָט מיר געגעבן, איז געווען זייער אַ קורצער און האָט געזאָגט אַלץ. בסך־הכל איז ער באַשטאַנען פון איין־איינציקן וואָרט:

„ממשיכים!״

דאָס מיינט: מיר גייען־אָן ווייטער. אין ישראל ווייסט מען זייער גוט, וואָס דאָס באַדייט. און ווער עס קלויבט זיך אויף אַ באַזוך אין דער אידישער מדינה און וויל כאָטש אַ ביסל פאַרשטיין דאָס לעבן אין לאַנד און באַגרייפן וואָס ישראל שטעלט מיט זיך פאָר, זאָל זיך גוט אויסלערנען דאָס וואָרט: „ממשיכים!״

דאָס איינע וואָרט דריקט אויס דעם גאַנצן גייסט פון די אַלע גרענעץ־ישובים, וועלכע ווערן איצט אויפגעשטעלט אין מדינת ישראל, און די פעסטקייט און אַנטשלאָסנקייט פון די בויער און פאַרטיידיקער, וועלכע באַזעצן זיך אין די פונקטן. עס הייסט, אַז וואָס עס זאָל ניט געשען, וועט מען אויסהאַלטן און דורכהאַלטן — און בלייבן אויף די פּאָזיציעס און ווייטער בויען. דאָס איז אויך דער גייסט פון גאַנצן אידישן לאַנד, וואָס בויט זיך און אַנטוויקלט זיך וואונדערלעך. בעת אַרום־און־אַרום טשאַטעווען אויף אים די בלוט־דורשטיקע אַראַבישע שונאים — „ממשיכים!״

איך בין אַריינגעקומען אין אלמגור און האָב זיך גלייך איבערצייגט, אַז דער יונגער חבר פון דעם קיבוץ, וועלכן איך האָב געטראָפן אויפן וועג, האָט מיר אָפּגעגעבן דעם אמת׳ן און גענויעם גרוס. אלמגור בויט זיך אַזוי ווי פריער, גיך און שטאַרק. די בערך אַכציק חברים פון דעם גרענעץ־ישוב, וועלכער איז אויפגעשטעלט געוואָרן ערשט מיט אַ פּאָר געציילטע יאָר צוריק, זיינען ווייטער ביים פולן מוט און זיינען לחלוטין נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין זייער גרייטקייט צו בויען און צו פאַרטיידיקן ווייטער זייער ישוב, אויב עס וועט זיין נויטיק. ביי דער גרענעץ פון סיריע האָבן זיי זיך באַזעצט און וועלן דאָרט בלייבן, אויפבויענדיק די נייע, פרידלעכע פעסטונג פון מדינת ישראל.

אלמגור איז געווען דער ערשטער ישוב, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין דער געגנט פון כורזים, וואָס ווערט איצט אויפגעריכט און געמאַכט פּרוכטבאַר דורך דעם קרן קימת לישראל. אַ נייער לאַנדווירטשאַפטלעכער ראַיאָן וועט צוקומען אין דער מדינה, מיט פיל טויזנטער דונאַם באַפּרוכפּערטן באָדן. פעלזן זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן. די פאַרשטיינערטע ערד איז אויפגעאַקערט געוואָרן, און בליענדיקע פעלדער האָבן זיך שוין באַוויזן אין דער געגנט, וואָס איז געווען וויסט פיל הונדערטער יאָרן. דער קרן קימת לישראל האָט דאָ אויך דורכגעהאַקט אַ וועג און צוגעפירט וואַסער פאַר שאַפן די

מעגלעכקייט אויפצושטעלן דאָ דעם ערשטן ישוב. און אלמגור וואַקסט און באַפעסטיקט זיך — ניט געקוקט אויף דעם בלוטיקן אָנפאַל, וואָס דער אַראַבישער שונא האָט שוין דאָ דורכגעפירט און אויף דער סכנה פון נייע סירישע אַגרעסיע־אַקטן.

איך האָב געזען אין אלמגור, ווי נייע בנינים האַלטן דאָרט אין געבויט ווערן. מען האָט דאָרט געוואַרט אויף נייע חברים, וועלכע האָבן זיך געגרייט אָנצושליסן זיך אין דעם קיבוץ. דער „מועדון", וועלכער איז דאָרט געעפנט געוואָרן, איז אָנגערופן געוואָרן אויפן נאָמען פון די צוויי קרבנות פון אלמגור, די יונגע בויער און פּיאָנערן אבי און אבינועם, וועלכע זיינען געפאַלן פון סירישע קוילן.

און איידער איך בין אַוועקגעפאָרן פון אלמגור, האָבן מיר די בראַווע העלדן פון ישראל געזאָגט, אַז נאָך פיר אַזעלכע ישובים ווי זייערער, וועלן אויפגעשטעלט ווערן אין דער געגנט — צו להכעיס דעם אַראַבישן שונא און פאַר דעם וואויל פון דער אידישער מדינה, פאַר איר אַנטוויקלונג און זיכערער צוקונפט!

ווייל — ממשיכים!"

דאָס איז דער ציל. דאָס איז די גרויסע און הייליקע שליחות, וואָס ווערט דורכגעפירט און פאַרווירקלעכט איבערן גאַנצן לאַנד, מיט מסירת נפש און מיט געבענטשטער עקשנות. און דאָס איז דער וועג וואָס פירט כסדר צו נייע, וואונדערלעכע אויפטוען.

סוף 1963

אין כפר חב״ד

ווען איך האָב אין מיין געשפּרעך מיט דעם נשיא פון ישראל, שניאור־זלמן שזר, אים געזאָגט, אַז איך קלייב זיך צו באַזוכן כפר חב״ד, האָט ער איינגעאַנצן אויפגעשיינט. ער האָט מיך געבעטן לאָזן אַלעמען גריסן אין דעם דאָרף פון די ליובאַוויטשער. און אגב האָט ער מיר געמעמען דערציילן וועגן זיינע פּלענער, וואָס ער האָט אין שייכות מיט כפר חב״ד. בכלל, ווען מען רעדט מיט דעם נשיא פון ישראל, איז ער תמיד פול מיט אידייען און פּלענער, וועלכע ער וואָלט שטאַרק געוואָלט פאַרווירקלעכן.

וואָס איז שייך כפר חב״ד האָט מיר דער נשיא שזר געזאָגט, אַז ער האָט בדעה צו מאַכן אַ ספּעציעלע אָנשטרענגונג פאַר גרינדן אין דעם דאָרף אַ הויז פאַר בר־מצווה־אינגלעך. זיין כוונה איז דערביי, אַז עס זאָל געשאַפן ווערן אַ באַוועגונג אין חוץ לארץ צווישן קינדער פון רעליגיעזע אידן, צו פּראַוועון בר־מצוה אין ישראל. די קינדער וועלן קומען אַליין, אָדער מיט די עלטערן, און אין כפר חב״ד וועט זיין אַ צענטער, וואו די בר מצוה־אינגלעך וועלן אויפגענומען ווערן, און וואו מען וועט זיי מחנך זיין. דער נשיא, שניאור־זלמן שזר האָט שוין אויסגעקליבן אין כפר חב״ד אַן אָרט, וואו אַזאַ הויז זאָל אויפגעשטעלט ווערן.

בין איך מסכים מיט דעם נשיא פון ישראל, אַז עס איז אַ וויכטיקער ענין. און עס איז קרוב לאמת, אַז מען וועט קאָנען אַריינציען אין דער באַוועגונג אויך קינדער פון נישט שטרענג רעליגיעזע אידן. דער עיקר איז, אַז מען זאָל טאַקע אין גיכן קאָנען פּראַוועון דעם חנוכת הבית פון אָט דער היים פאַר בר־מצוה אינגלעך, וואָס וועט אוודאי אויסוואַקסן אַ שיינע אינסטיטוציע צו די אַלע וויכטיקע מוסדות, וועלכע איך האָב געפונען און באַזוכט אין כפר חב״ד.

***

פירט אַ איד מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד אַ וואָגן מיט אַ הויכן סטויג היי, און ער פאָרט זיך אַריין געמיטלעך אין אָט דעם אידישלעכן דאָרף, איבער וועלכן עס רוט — ווי איך וואָלט געזאָגט — אַ גאַנץ באַזונדערע שכינה. די צוויי איינגעשפּאַנטע פערד אין וואָגן גייען זיך געלאַסן, און אויך דער איד, אויבן, אין דער הויך, אויפן סטויג היי, איילט זיך ניט. ס׳איז ניט אַנדערש, ווי

ער וואָלט איבערגע׳חזר׳ט אַ שווערע סוגיא. ער פאָרט נאָך אַ טאָג אַרבעט פון פעלד.

ס׳איז מיר אַפילו שווער אים אָפּצושטעלן. למאי זאָל איך אים שטערן אין זיינע טראַכטענישן? דאָך פאַרהאַלט איך אים, און הויב־אָן מיט אים אַ שמועס. איך האָב דאָס געטאָן אומעטום, אויף מיין נסיעה איבער ישראל, ווען איך האָב באַגעגנט אינטערעסאַנטע מענטשן, אָדער לכל הפחות די, וועלכע איך האָב געמיינט, אַז זיי זיינען אינטערעסאַנט. האָט זיך טאַקע גלייך אַרויסגעוויזן, אַז מיט מיין נייעם מיטשמועסער האָב איך שוין גאָר קיין טעות ניט געהאַט.

ער שטאַמט פון טיפן דרום־רוסלאַנד. כמעט אַלע תושבים אין כפר חב״ד זיינען רוסישע אידן, און ער רעדט צו מיר מיט זיין זאַפטיקן, קערנדיקן רוסישן אידיש. אַגב, מיט אַ שטאַרקן און דערביי איידעלן קול.

ער איז אין זיינע פריערדיקע יאָרן אויסגעוועזן אַ גרויס שטיק רוסלאַנד. ער קען גוט מאָסקווע, לענינגראַד, אָפּגערעדט שוין פון קרעמענטשוג און יעקאַטערינאָסלאַוו.

„אַ, יע, איך בין דאָרט געוועזן און געוועזן!״ — זאָגט ער מיר.

ער דערציילט מיר אויך, ווען ער איז אַרויס פון רוסלאַנד. אָבער ס׳איז ניט כדאי, אַז איך זאָל עס דאָ איבערגעבן. ער איז אַ איד אין די מיטעלע יאָרן. איך פרעג, ווי ס׳לעבט זיך אים אין כפר חב״ד. זיין ענטפער איז, אַז ער איז זייער און זייער צופרידן. אָבער אַ קרעכץ גיט ער באַלד, דעם אַלטן אידישן קרעכץ.

פאַרוואָס און איבער וואָס קרעכצט אָט דער איד פון כפר חב״ד?

„ס׳וואָלט געדאַרפט זיין אַ שטאַרקערע אידישקייט אין לאַנד״ — גיט ער מיר אַ זאָג.

זיכער האָט ער געמיינט זיין אידישקייט. און איך האָב זיך ניט אַריינגעלאָזט מיט אים אין קיין וויכוח. דאָס איז געוועזן אין די טעג, ווען אין ירושלים האָבן זיך אָפּגעשפּילט די שטורמישע געשעענישן מיט די נטורי קרתא. און דאָ, אין כפר חב״ד, פונדערוויטנס, האָט עס ביי דעם אידן, מיין מיטשמועסער, אוודאי געקאָנט אויסזען, אַז ווייס־איך־וואָס עס קומט דאָרט פאָר אין ירושלים, אין דעם געסל בשכונות פון מאַנדלבוים טויער.

ס׳איז געשטאַנען אַ שיינער פאַרנאַכט אין דעם אידישלעכן דאָרף. די גאַנצע סביבה איז געווען אַזאַ שטילע, אַזאַ מנוחה׳דיקע, נאָר פאַרמאַכן די אויגן און הנאה האָבן.

דער איד מיטן וואָגן היי איז געפאָרן ווייטער. איך האָב שפּעטער געהערט, אַז ער איז אַ גרויסער למדן. ער האָט אין כפר חב״ד זיין פאָטער, וועלכער איז דער ראש־ישיבה און „נאָך העכער״.

***

איך בין טאַקע אַריינגעגאַנגען אין דער ישיבה. איך ווייס ניט, ווי עס וועט אויסזען אין דעם הויז פאַר בר־מצוה אינגלעך, וואָס מיין גוטער פריינט, דער נשיא פון ישראל, פלאַנט אויפצובויען אין כפר חב״ד. אָבער אין דער ישיבה האָב איך געפונען אַן אמת׳ן קיבוץ גלויות. ישיבה בחורים פון אויסטראַליע, און אינגלעך פון קאַנאַדע. תלמידים פון די פאַרייניקטע שטאַטן און קינדער פון דרום־אפריקע. אויך אינגלעך פון לאָנדאָן און אַפילו פון פּאַריז. קיין עין־הרע, אַ פולע ישיבה. קיין איין אָרט איז ניט ליידיק אויף די לאַנגע בענק ביי די לאַנגע טישן. און די יונגע קול׳עכלעך הילכן־אָפּ הויך און שטאַרק. איך האָב געטראָפן די ישיבה־בחורים לערנען די גמרא בבא בתרא. זיי לערנען אַליין, איינער מיטן אַנדערן. דעם רבי׳ן גייען זיי פרעגן נאָר ווען זיי שטויסן זיך אָן אויף אַ שווערער סוגיא. און אַ סך פון זיי פאַרטייטשן אויף אידיש.

איך האָב טאַקע ניט געוואָלט, אַז זיי זאָלן דאַרפן מפסיק זיין אין מיטן געשמאַקן לערנען. דאָ האָב איך זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט עטלעכע פון די בחורים. איך האָב געפרעגט דעם ישיבה בחור פון אויסטראַליע, ווי אַזוי איז ער געקומען אַהער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געלערנט אין אַ ישיבה אין מעלבורן. דער טאַטע האָט געזוכט אַ מקום תורה פאַר אים און האָט אים געשיקט לערנען אין כפר חב״ד. איך האָב אים געפרעגט, צי ער וועט צוריקפאָרן קיין מעלבורן. דאָס ווייס ער ניט — האָט ער מיר געענטפערט.

אַלע בחורים, מיט וועלכע איך האָב געשמועסט — און וועלכע שטאַמען פון פאַרשידענע מקומות — האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי האָבן ניט קיין שוועריקייטן ביים צונויפרעדן און צוזאַמענלעבן זיך מיט זייערע חברים. מען ווערט גיך היימיש.

און די ישיבה וואַקסט. איך האָב געזען ווי מען בויט אַ נייעם גרויסן בנין פאַר דער ישיבה, מיט אַ מאָדערנער קיך און אַ „פנימיה" (חדרים צום שלאָפן פאַר די ישיבה בחורים). אין כפר חב"ד וועט זיין די „ישיבה מרכזית", די צענטראַלע ליובאַוויטשער ישיבה פאַרן גאַנצן לאַנד. פאַראַן ליובאַוויטשער ישיבות אין ירושלים און אויך אין אַנדערע ערטער אין מדינת ישראל.

***

איך בין אויך געווען אין דעם סעמינאַר פאַר מיידלעך, אין „בית רבקה", ווי מען רופט דעם לערן־אנשטאַלט אין כפר חב״ד. מיידלעך קומען אַהין לערנען פון גאַנצן לאַנד, אויך פון חוץ לארץ. דער מנהל, אַן אונגאַרישער איד, האָט אויף מיין בקשה מיר דערציילט אַביסל וועגן זיינע תלמידות.

דאָס זיינען, בעצם, ענלעכע דראַמאַטישע געשיכטעס, ווי די וועלכע איך האָב געהערט אין דעם קינדער־דאָרף פון דער „הסתדרות" אין אונים, און וועלכע איך האָב באַשריבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל.

איז געקומען אין „בית רבקה" לערנען אַ ווילד מיידל, וואָס פלעגט אין דער היים צעברעכן און צעקלאַפּן אַלץ וואָס זי האָט נאָר אַריינגעקראָגן אין אירע הענט. זי איז אַ קינד פון גע׳גט׳ע טאַטע־מאַמע. דער טאַטע האָט אַ צווייט מאָל חתונה געהאַט, און די שטיף־מאַמע האָט זייער שלעכט באַהאַנדלט דאָס קינד. האָט דער טאַטע סוף־כל־סוף באַשלאָסן אַוועקצוגעבן דאָס קינד לערנען אין כפר חב״ד. דאָס מיידל האָט אין די ערשטע צייטן זיך אויפגעפירט ווילד אויך אין „בית רבקה". אָבער ביסלעכווייז האָט זי זיך איינגעשטילט. און זי האָט אויך גוט געלערנט. און איצט — איצט איז זי שוין אַליין אַ לערערין און אַ מוסטערהאַפטע דערציערין אין קרית גת, וואו עס איז טאַקע פאַראַן אַ ליוּ־באַוויטשער ישיבה. אגב — זאָגט מיר דער מנהל מיט אַ באַרעכטיקטן שטאָלץ — איז מען אין קרית גת זייער שטאַרק צופרידן פון דער ליובאַוויטשער ישיבה. און מען איז דאַנקבאַר דעם ליובאַוויטשער רבי׳ן אין ניו־יאָרק פאַר דער ישיבה. די דאַנקבאַרקייט איז אויסגעדריקט געוואָרן דורך אַן אַפּיציעלן אַקט פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג, וואָס האָט איבערגעשיקט צום ליובאַווי־טשער רבי׳ן אין ניו־יאָרק דעם שליסל פון דער שטאָט קרית גת.

די געשיכטע מיט דעם ווילדן מיידל איז נאָר איינע פון אַ סך. „בית רבקה" אין כפר חב״ד האָט שוין באַקומען אַ נאָמען פון אַ חינוך־אינסטיטו־ציע, וואו יונגע, קראַנקהאַפטע נשמות ווערן אויסגעהיילט. שיקט מען טאַקע אַהין לערנען קינדער פון גאַנצן לאַנד. און דאָס מיניסטעריום פאַר סאָציאַלער הילף — משרד הסעד — באַנוצט זיך אויך מיט דעם אַנשטאַלט.

***

איך בין אַריין אין דער דרוקעריי, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אין כפר חב״ד אויפן נאָמען פון די פינף יונגע קדושים, די פינף קינדערלעך וועלכע זיינען אין דעם דאָרף דער׳הרג׳עט געוואָרן דורך נאַסער׳ס „פעדאיון", נאָך פסח אין 1956, ווען דער עגיפּטישער דיקטאַטאָר פלעגט אַריבערשיקן ביינאַכט מערדער און גזלנים איבער דער גרענעץ אויסצופירן רציחות אין ישראל׳דיקע ישובים.

איך בין געווען אין דער דרוקעריי שפּעט אין אָוונט, און מען האָט נאָך דאָרט געאַרבעט. פאַראַן דאָרט עטלעכע מאָדערנע דרוק־מאַשינען, און מען גיט אַרויס חיבורים. מען דרוקט דאָרט אויך די אָפיציעלע פאַפּירן פון דער

פאַרוואַלטונג פון דאָרף און אויך פון דער אַדמיניסטראַציע פון די אַרומיקע ישובים.

אַז מען בויט אַ נייעם בית־הכנסת אין כפר חב״ד, האָב איך גלייך דער־זען. אַגב, האָב איך „אַריינגעכאַפּט״ אַ מנחה דאַוונען אין דער אַלטער שול, צוזאַמען מיט הרב גאָרעליק, דעם מרא דאתרא פון כפר חב״ד, פאַר וועמען איך האָב געהאַט אַ גאַר באַזונדערן גרוס פון דעם נשיא פון ישראל.

מען בויט אַ נייעם בית הכנסת, און מען בויט בכלל אין כפר חב״ד, ווי אומעטום אין ישראל. און ווי אין אַנדערע ישובים אין דער מדינה, קומען אויך צו אין כפר חב״ד נייע תושבים און עטלעכע נייע „שיכונים״ האָבן דאָרט געהאַלטן ביים פאַרענדיקט ווערן, בעת איך בין געווען.

די תושבים אין כפר חב״ד זייַנען מעורבים בין הבריות, און אַזוי איז אויך זייער ישוב. דאָס דאָרף פון די ליובאַוויטשער האַלט־אָן גוטע, היימישע באַ־ציאונגען מיט דעם שכנות׳דיקן ישוב פון תימנ׳ער אידן און מיט די אַנדערע אַרומיקע ישובים. און ווי אַלע דאָרפישעווירטשאַפטן, געניסט אויך כפר חב״ד פון דער שטאַרקער הילף פון דער „הסתדרות״. די קאָאָפּעראַטיוון פון דער „הסתדרות״ האָבן אָרגאַניזירט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט פון כפר חב״ד און העלפן ווייטער אויסברייטערן די ווירטשאַפט פון דעם דאָרף.

איך בין אַוועקגעפאָרן פון כפר חב״ד אונטער דעם שטאַרקן רושם פון מיין באַזוך. איר פילט אַ תוכ׳יק אידיש און אידישלעך לעבן אין דעם דאָרף, אַן די אַלע פאַרשידענע פּראָבלעמען וואָס מאַטערן און באַאומרואיקן דעם מאָדערנעם אידן. איר פילט אַ סביבה פון אַ טיפער האַרמאָניע און גייסטיקער שלימות אין כפר חב״ד, וואָס איר סוד דאַרף מען אַוודאי זוכן ווייט פון דאַנען, אָבער איר יסוד געפינט זיך דאָ און נאָר דאָ, אין דעם שטילן דאָרף.

איך האָב געטראַכט, ביים אַוועקפאָרן פון כפר חב״ד וועגן ליובאַוויטשער רבי׳ן. דער רבי האָט מיר פאַר מיין אָפּפאָר פון ניו־יאָרק געגעבן די שליחות צו זיין אין כפר חב״ד. איך האָב עס געטאָן מיט פאַרגעניגן און האָב געהאַט גרויס נחת פון מקיים זיין די שליחות.

סוף 1963

ביי די נייע בויער פון גליל

שטיל איז ביי דער גרענעץ פון לבנון,
אין וויטן צפון פון לאַנד. ווען מען פאָרט אין דער געגנט, און ווען מען שפּאַרט־אָן ביז ראש הנקרה — וואו די טעריטאָריע פון לבנון איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען — ווערט מען אַנגענעם איבערראַשט פון דער רואיקייט און פרידלעכקייט. אַ מין אידילישע שטימונג איז דאָ אויסגעשפּרייט. אַ קו גייט אַריבער די גרענעץ, קומט צוריק, און אַלץ איז בסדר. אַן טומל, אָן קאָנ־פליקטן, אָן צוזאַמענשטויסן.

און דאָך — האָט מען מיר געזאָגט, בעת איך בין אַ טאָג צייט אַרומגע־פאָרן איבער דער געגנט — אַז אינגאַנצן בסדר איז עס ניט. די איינוואוינער פון לבנון פאַרהאַלטן זיך טאַקע פרידלעך, אָבער סיריער און עגיפּטער נוצן־אויס דעם דאָזיקן צושטאַנד און שמוגלען אַריין דורך די רואיקע גרענעץ־פונקטן זייערע אַנפאַלער און אַריינדרינגער. דאַרף מען זיך אויך דאָ היטן מיט הונדערט אויגן. האָב איך געזען, ווי מען היט. האָב איך באַמערקט די געטרייע וועכטער פון ישראל, ווי זיי שטייען אויף זייערע פּאָסטנס אין באַהעלטענישן, צווישן בערגלעך און פעלזן.

זיי זיינען דאָ, די יונגע, בראַווע שומרים פון ישראל. און באַשיצנדיק די זיכערקייט פון דער מדינה, בויען זיי אויך דאָס לאַנד.

***

בירנית איז די נייעסטע קיבוץ־פעסטונג, וואָס אָט־די טייערע בחורים און מיידלעך האָבן אויפגעשטעלט און בויען איצט פונאַנדער ביי דער גרענעץ פון לבנון. איך בין אַרומגעגאַנגען איבער דעם איינגסטן דאָרפישן ישוב אין גליל, בירנית, און דאָס האַרץ איז מיר געוואַקסן פון נחת. איך האָב געפונען דאָרט קוים עטלעכע הייזקעס. אַנדערע בנינים האָט מען ערשט געהאַלטן אין צוגרייטן. אָבער אויף דעם גרויסן שטח אַרום־און־אַרום, וואָס איז געשטאַנען פּוסט און פאַרלאָזן ווער ווייסט וויפיל הונדערטער יאָרן, האַלט מען איצט אין איין בויען, און מיט פלייס, מיט ליבע און איבערגעגעבנקייט. אַרום אַכציק טייערע, ליבע בחורים זיינען זיי, די וועלכע בויען איצט בירנית.

בעת איך בין געווען אין בירנית, האָט דער דאָזיקער גאַנצער ישוב געציילט קוים עטלעכע וואָכן זינט ער איז געגרינדעט געוואָרן. ער איז גע־שאַפן געוואָרן דעם 29טן נאָוועמבער 1964, אין הסכם מיט דער שיינער

און גוטער טראַדיציע, וואָס דער קרן קימת לישראל האָט איינגעפירט, — ווי איך האָב שוין דערמאָנט פריער — צוצוגרייטן און אויפשטעלן נייע ישובים יעדעס יאָר, אין דעם יאָרטאָג פון דער היסטאָרישער געשעעניש, ווען די אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער האָט אָנגענומען דעם באַשלוס וועגן דער באַנייאונג פון דער אידישער מדינה.

איך גיי אַריין אין דער קיך פון דעם קיבוץ. אויך דער דאָזיקער קליינער, באַשיידענער בנין איז נאָך ניט אינגאַנצן פאַרענדיקט. אַ גרופּע מיידלעך אַרבעטן, און עס איז דאָ טומלדיק־געמיטלעך. די מיידלעך קאָכן שפּייז פאַר די בויער, וועלכע אַרבעטן אין דרויסן. די מערסטע פון די מיידלעך זיינען געבוירענע אין לאַנד — „סאַבראַס". פאַראַן אויך עטלעכע קינדער פון נייע עולים. איך האָב זיך פונאַנדערגעשמועסט מיט די מיידלעך. זיי זיינען אַלע אין פאַראייניקטע גרופּע, און אַלע האָבן זיי וואָלונטירט צו קומען אַהער און העלפן בויען אַ נייעם ישוב אין גליל. מען רופט אַזאַ גרופּע: „פּלוגה". זיי וועלן דאָ זיין אַ האַלב יאָר. שפּעטער וועלן זיי קאָנען אויסקלייבן וואָס צו טאָן ווייטער: אַוועקצוגיין אין אַן אַנדערן, שוין איינגעאָרדנטן קיבוץ, אָדער בלייבן טאַקע דאָ, אין בירנית. די מערסטע פון די מיידלעך האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי רעכענען צו בלייבן אין בירנית.

„מען ווערט צוגעבונדן צו אַן אָרט, וואָס מען העלפט בויען" — זאָגן זיי מיר גאַנץ פּשוט.

זיי זיינען אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג פון „איחוד הקיבוצים" פון מפא"י. זיי זיינען איין גרופּע פון אַ סך אַזעלכע, וועלכע העלפן איצט בויען די נייע ישובים אין די פאַרלאָזענע, פּוסטע געגנטן, אויף די גרענעצן פון ישראל.

**
*

ס'איז נויטיק צו האָבן דאָס גאַנצע בילד פון בירנית פאַר די אויגן, בכדי צו קאָנען אָפּשאַצן, ווי שטאַרק און ווי טיף עס דאַרף זיין דער חלוצי־שער גייסט פון די, וועלכע פאַרקלייבן זיך אַהער אַוועקצושטעלן אַ נייעם ישוב אויף דער מאַפּע פון ישראל.

עלנט, וויסט זעט אויס די גאַנצע געגנט אַרום. בלויז אָפּגעלאָזענע בערגלעך און פאַרגעסענע בלאָטעס. מען דאַרף ערשט דאָ דורכפירן וועגן, און די ספּעציאַליסטן פון קרן קימת לישראל טוען דאָס מיט גרויסע אָנשטרענ־גונגען און באַנוצנדיק די נייעסטע טעכנישע מעטאָדן. דערוויל איז מיין „נהג" (שאָפער) און מיר נאָך אויסגעקומען צו שלעפּן זיך איבער בלאָטעס מיט אונזער אויטאָ, איידער מיר זיינען אָנגעקומען קיין בירנית.

אָבער מען בויט. אַף על פּי כן ולמרות הכול בויט מען — ווי עס איז די לאָזונג אין ישראל. איך האָב אויך געזען, ווי מען בויט די וועגן אין דער פאַרלאָזענער געגנט פון גליל. עלטערע אידן — נייע עולים — זיינען באַשעפ־טיקט ביים אויסהאַקן די שטיינער און אויספלאַסטערן די נייע שאָסייען. גאָר אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען פון די „עדות המזרח״, פון די אָריענטאַ־לישע אידן. זיי זיינען גוטע אַרבעטער. זיי האָבן ליב די מדינה און זיינען איבערגעגעבן זייער אַרבעט.

איך שפּרינג אַריבער אַ צוים און קום אַריין אינמיטן פון אַזאַ עדה אידן, וועלכע בויען אַ נייעם וועג אין ישראל, דאָ צווישן די בערגלעך און זומפּן אין גליל. איך שמועס זיך פונאַנדער מיט זיי. כמעט אַלע רעדן זיי אַ טיפן און פאַרצויגענעם תימנ׳ער העברעאיש. זיי זאָגן מיר, אַז זיי פילן זיך גוט אין לאַנד. זיי בענטשן די מדינה. און מיטאַמאָל ווער איך אַליין גערירט ביז גאָר פון דעם, וואָס איך דערזע פאַר מיינע אויגן:

אַלס ענטפער אויף מיין פראַגע, ווי אַזוי ער פילט זיך אין דער מדינה, האָט איינער פון די זקנים זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן זאַמד און גענומען קושן די ערד פון ישראל מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ פייער אין גאַנצן פּנים זיינעם, וואָס מען קאָן זען נאָר ביי אָריענטאַלישע אידן.

איך וועל דאָס פּאַטעטישע בילד קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

***

איך בין אַריינגעפאָרן — ריכטיקער געזאָגט: אַרויפגעפאָרן — אין אדמית, אין דעם קיבוץ, וואָס ליגט הויך אין צפון, ביי דער סאַמע גרענעץ פון לבנון. דער ישוב איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ הויכן באַרג. דער אַרויפפאָר איז שוין איצט ניט קיין שווערער. קרן קימת לישראל האָט גע־זאָרגט דערפאַר, אַז דער וועג זאָל ווערן אויסגעברייטערט און אויסגעפלאַס־טערט. אדמית שטאָלצירט מיט זיין פּרעכטיקער לאַנדשאַפט, און ווען איר קומט אַהער, ווערט מען אייך קודם־כל אַרויפפירן אויפן שפּיץ באַרג, וואו בעת איר קוקט אַראָפּ אונטן, זעט איר אויסגעשפּרייט פאַר אייערע אויגן ממש אַ האַלב מדינת־ישראל.

אין צוגאָב צו זיין שיינעם אויסקוק איז אדמית אויך אַן אינטערעסאַנטער ישוב. אַרום, אין דער געגנט, האַלטן זיך אויף בעדואינער. זאָגן מיר די חברים פון אדמית, אַז צווישן זיי און די בעדואינער האָבן זיך איינגעשטעלט פריינט־שאַפטלעכע באַציאונגען. די בעדואינער קומען אָפט צו־גאַסט אין דעם קיבוץ, קוקן זיך צו צו דעם לעבן און צו דער אַרבעט אין דעם ישוב, און ווערן אַליין ביסלעכוויז מער „ציוויליזירט״. טעכטער פון די בעדואינער האָבן זיך אויס־

געלערנט שטריקן ביי די חברות פון דעם קיבוץ, און האָבן בכלל געגומען לערנען. עלטערע בעדואינער האָבן ביי די חברים פון אדמית זיך אויס־געלערנט אַרבעטן אויף אַ טראַקטאָר. אַגב, האָט דער קרן קימת לישראל אויך אויפגעשטעלט אין דער געגנט הייזקעס פאַר די בעדואינער, און זיי ווערן שוין בכלל אויס נאָמאַדן.

מיין ערשטן באַזוך אין אדמית האָב איך געמאַכט אַ יאָר פריער. זינט דעמאָלט איז דער קיבוץ מער אויסגעוואַקסן. עס זיינען צוגעקומען נייע חברים. עס האָט זיך אויך פאַרמערט, קיין עין־הרע, די צאָל קינדערלעך אין קיבוץ. „מיר האָבן איצט זעכצן קינדער, און פיר זיינען אין וועג" — זאָגט מיר די אויפזעערין איבער דער היים פאַר זויג־קינדער, וואוהין איך גיי אַריין. איך האָב זיך באַקענט מיט דער אויפזעערין ביי מיין פריערדיקן באַזוך דאָ. אין משך פון דעם יאָר האָט זי חתונה געהאַט מיט דעם מזכיר (סעקרעטאַר) פון קיבוץ. זי שטאַמט פון אַלזשיריע. אירע עלטערן וואוינען אין פראַנקרייך. זיי זיינען געקומען קיין אדמית צו איר חתונה. אָבער זיי זיינען אַוועקגעפאָרן. זי אַליין וועט שוין פון דאַנען ניט אַוועקפאָרן.

איך באַגעגן אַ מיידל, וואָס איז ערשט פופצן טעג אין ישראל, פון מאַרסעי איז זי געקומען קיין אדמית. אויך זי שטאַמט פון אַלזשיריע, און אויך אירע עלטערן וואוינען אין פראַנקרייך. אָבער זי האָט באַשלאָסן עולה צו זיין קיין ישראל, און אויסגעקליבן האָט זי דעם קיבוץ אדמית, וואו זיך איינצואָרדענען אין דער מדינה. זי רעדט נאָך פראַנצויזיש. אָבער זי לערנט שוין פלייסיק העברעאיש, די שפראַך פון ישראל. זי זאָגט מיר, אַז אינגיכן וועט אָנקומען קיין אדמית נאָך אַ גאַנצע גרופּע חלוצים פון פראַנקרייך, וואָס וועלן שוין דאָרט האָבן דורכגעמאַכט די „הכשרה".

איך גיי אַרום ווייטער איבער אדמית, און עס קומט מיר אַנטקעגן אַ בחור, וועלכער קערט זיך צוריק, ווייזט אויס, פון דער אַרבעט אויפן פעלד. אויך ער האָט זיך פאַרקליבן קיין אדמית פון אַ צפון־אַפריקאַנער לאַנד. ער רעדט העברעאיש און פראַנצויזיש און זאָגט מיר גלייך ביי די ערשטע ווער־טער, אַז ער איז צופרידן פון זיין לעבן און אַרבעט אין אדמית.

מיין פרוי פרעגט אים, צי ער איז פאַרהייראַט. ער לאָזט אַראָפּ די אויגן, אַ שעמעוודיקער, און ענטפערט: „ניין, אָבער איך בין שוין אַ חתן".

איך באַגעגן נאָך אַ מיידל, וואָס שטאַמט פון מזרח־אייראָפּע. מיך אינטע־רעסירט, ווי אַזוי זי פילט זיך דאָ, אין דער סביבה פון דעם קיבוץ, וואו די מערסטע חברים זיינען געבוירענע און אויפגעוואַקסענע אין פראַנקרייך, אָדער אין צפון־אַפריקע. זי זאָגט מיר, אַז זי האָט נישט געהאַט און האָט ווייטער נישט קיין שום שוועריקייטן. אין קיבוץ זיינען אַלע גלייך.

ווען איך האָב זיך געזעגנט מיט אדמית, האָבן מיר די בחורים און מײדלעך פֿון דעם קיבוץ געזאָגט, אַז זײ זײנען זײער צופֿרידן דערפֿון, וואָס דער קרן קימת לישראל פּלאַנט אויפֿצושטעלן אין דער געגנט נאָך עטלעכע נײַע ישובים.

„מיר װעלן דאָ מאַכן אױפֿבליִען דעם גאַנצן אַרום־און־אַרום!" — האָבן זײ מיר געזאָגט מיט פֿרײד און מיט שטאָלץ און מיט חלוצישן מוט — „װען קומט איר װידער אונז באַזוכן?"

יאַנואַר 1965

דער גרויסער וואונדער אין מדבר יהודה

„וואָס האָט איך באַוואויגן צו באַזעצן זיך אין ערד (אראַד)?"

די דאָזיקע פראַגע האָב איך געשטעלט איינעם פון די תושבים פון ישראל'ס נייער וואונדער־שטאָט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אינמיטן ברייטן און טיפן מדבר, אין הארץ פון נגב. פאַרוואָס האָט ער אויסגעקליבן דווקא אָט־דעם דאָזיקן ישוב, וואָס ליגט אַזוי ווייט פון אַלע אַנדערע ערטער אין ישראל, וואו עס קאָכט מיט לעבן, וואוהין מען קומט שוין איצט צו אַלעם גרייטן?

מיין מיטשמועסער איז געווען אַ נייער עולה. בסך־הכל האָט ער זיך געפונען אין לאַנד בלויז עטלעכע חדשים. ער האָט ניט געהערט צו די עולים, פאַר וועלכע מען באַשטימט וואו זיי זאָלן זיך באַזעצן. ער האָט זיך אַליין געקאָנט אויסקלייבן וואו ער זאָל זיך איינאָרדענען. ער איז זיכער געקומען מיט אַ ביסל קאַפּיטאַל, און ער האָט אַ פאַך, מיט וועלכן מען קאָן מאַכן אַ שיין לעבן אין תל־אָביב און אין חיפה, אין ירושלים און אין באר־שבע. ער איז אַן עלעקטראָ־טעכניקער. אָבער פאַרקליבן האָט ער זיך דווקא אין טיפן מדבר יהודה, אין דער נייער שטאָט ערד.

***

„איר פרעגט, פאַרוואָס איך געפין זיך דווקא דאָ? מיין ענטפער איז, אַז איך פיל זיך דאָ מיט מיין משפחה זייער גוט. איך האָב אַ פרוי מיט דריי קינדער, און אַלע זיינען מיר זייער צופרידן. איר ווילט וויסן נאָך מער? איך בין באַגייסטערט פון ערד! איך האָב דאָ מיר געשאַפן מיין אונטערנעמונג. אַרבעט איז פאַראַן איבערגענוג. באַלד וועל איך האָבן מיין אייגענע דירה. און גלויבט מיר, אַז ס'איז נישט בלויז אַ מאַטעריעלער ענין. וואָס עס האָט מיך געצויגן אַהער, איז דער פּיאָנערישער גייסט, וואָס הערשט דאָ אין דעם גאַנצן נייעם ישוב, ביי יעדן איינעם. ניין, איך וויל ניט וואוינען אין תל־אָביב, און איך וויל ניט זוכן קיין באַקוועם לעבן אין חיפה. איך וויל זיין דאָ און אַרבעטן דאָ. און עס איז מיר גוט!"

דער דאָזיקער ענטפער קומט נישט בלויז פון אַן איינצלנעם איינוואוינער פון ערד. מיט דעם זעלבן געפיל זיינען דורכגעדרונגען אויך די אַנדערע יונגע מענטשן, וועלכע זיינען געקומען קיין ערד אויפצובויען זייער אייגענע עקזיסטענץ און בויען די מדינה. און ערד איז די שטאָט, וואָס האָט די איינגסטע

באַפעלקערונג פון אַלע אַנדערע ישובים אין לאַנד. דער דורכשניטלעכער עלטער פון די איינוואוינער פון ערד איז ווינציקער פון דרייסיק יאָר.

דער בייער עולה, מיט וועלכן איך האָב געפירט דעם שמועס, איז געקו־מען פון דרום־אַפריקע. זיינע עלטערן וואוינען נאָך אין קייפטאָון. ער האָט מיר דערציילט, אַז זיין טאַטע, אַ ציוניסט — וועלכער קלייבט זיך אַליין אויך עולה צו זיין קיין ישראל — איז אַ גרויסער סוחר און אַ פאַרמעגלעכער מענטש. אָבער אים, דעם זון זיינעם, האָט ער געזאָגט, אַז ער זאָל זיך לערנען אַ פאַך און ניט גיין אין מסחר. זיין טאַטע האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז ער זאָל באַקומען אַ ציוניסטישע דערציאונג. דער זון איז געגאַנגען אין דעם טאַטנס וועגן און האָט זיך אַנגעשלאָסן אין דער ציוניסטישער יוגנט־אָרגאַ־ניזאַציע אין קייפטאָון. ער איז געוואָרן אַן עלעקטראָ־טעכניקער. איצט, אין ערד, קומט עס אים שטאַרק צונוץ. ער אָרדנט זיך איין אין דער נייער שטאָט אָן שוועריקייטן — און מיט גרויס פאַרגעניגן.

„דער טאַטע איז געווען גערעכט" — זאָגט ער מיר — „און ער וועט אויך אַוודאי זיין צופרידן, וואָס איך האָב אויסגעקליבן דווקא ערד".

***

ווען מען פאָרט איבער די טיפע זאַמדן פון מדבר יהודה, אונטער דער ברענענדיקער זון, און עס ווייזט אויס, אַז עס וועט גאָר קיין סוף ניט נעמען צו דער וויסטעניש, בלייבט מען ממש צע'חוש'ט, ווען אינמיטן דערינען דערזעט מען פאַר זיך אַ מאָדערנעם שטאָטישן ישוב מיט קליינע הייזער, ווי ווילאַס, אין וועלכע ס'ליגט די האַנט — און די קענטעניש — פון אַן אַרכי־טעקט מיט פאַנטאַזיע און פיינעם סטיל. פאַראַן אויך אַ צענטראַלער בנין, וואו עס געפינען זיך שוין די פאַרשידענע אָפיציעלע אַמטן. דאָס לעצטע וואָרט פון דער קולטור און טעכניק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָט זיך אַרייַנ־געכאַפּט אַהער, אין דעם הייסן מדבר, וואָס איז געשטאַנען וויסט באַלד צוויי טויזנט יאָר. נאָר אין ישראל קאָן פאַסירן אַזאַ נס!

נישט אַנדערש, ווי די בויער פון ישראל האָבן זיך איינגעשפאַרט און איינגע'עקשנ'ט, אַז אַזוי מוז עס געשען, אַז די אור־אַלטע ערד פון תנ"ך מוז ווידער אויפגעריכט ווערן. און זאָל קומען אַ וועלט און באַוואונדערן. קומט מען טאַקע און מען באַוואונדערט.

האָבן מיר געלערנט אין חומש: „וישמע הכנעני מלך ערד, יושב הנגב, כי בא ישראל דרך האתרים וילחם בישראל" (במדבר כ"א, א').

געדענקען מיר פון ספר יהושע: „ואלה מלכי הארץ, אשר הכה יהושע

ובני ישראל — — — מלך ערד אחד — — — כל מלכים שלשים ואחד״ (יהושע י״ב, ז׳־כ״ד).

און איצט — נעמט־מיט אייער תנ״כ׳ל, ווען איר פאָרט קיין ישראל, און זעט ווי אויך ערד איז ווידער אויפגעשטאַנען!

***

לאָמיר איך עפּעס דערציילן וועגן דעם נייעם נס פון ישראל און וועגן דעם, וואָס מען זעט איצט, הייַנט־צו־טאָג, אין דער אַלט־נייער ערד, וואָס האָט ווידער אויפגעלעבט נאָך טויזנטער יאָרן.

ווי איך האָב אויבן שוין דערמאָנט, האָט ערד די אינגסטע תושבים פון אַלע אַנדערע ערטער אין לאַנד. ביי די צוויי הונדערט משפחות, נאָכן ערשטן יאָר אין דער שטאָט, זיינען געווען אַרום צוויי הונדערט פופציק קינדערלעך, קיין עין־הרע. די צאָל געבורטן אין ערד איז, פּראָפּאָרציאָנעל, פון די העכסטע אין לאַנד. „די מערסטע פרויען ביי אונז שוואַנגערן" — זאָגן די יונגע ערד׳ער ניט אָן שטאָלץ. אין ערשטן יאָר זיינען קיין ערד נישט געשיקט געוואָרן קיין נייע עולים, סיידן די, וועלכע האָבן אַליין געוואָלט אַהין פאָרן. איצט, ברענגט מען אַהין נייע עולים. צווישן די ערשטע איינוואוינער פון דער שטאָט איז אַ דריטל געקומען פון די קיבוצים; נאָך אַ דריטל — פון די גרויסע שטעט; און די אַנדערע — פון פאַרשידענע ערטער אין לאַנד. די מערסטע פון די תושבים זיינען קינדער פון „וותיקים". זיי האָבן גערן פאַרלאָזן די היימען פון זייערע עלטערן, און זיינען אַוועק אין מדבר, אין דער נייער שטאָט. אַלע האָבן זיי זיך איינגעאָרדנט, און פילן זיך גוט.

מען האָט מיר געזאָגט, אַז אויך די דורכשניטלעכע הכנסה פון די ערד׳ער איז פון די העכסטע אין לאַנד. אפשר אויך דערפאַר, ווייל אין דער ערשטער צייט זיינען זיי באַפריט פון צאָלן שטייערן. אַ גרויסער טייל פון די איינוואוינער איז באַשעפטיקט אין די כעמישע פאַבריקן ביים ים המלח, וואוהין עס פירט איצט אַ נייער באַקוועמער שאָסיי פון ערד, און די נסיעה דויערט ווייניקער פון אַ האַלבער שעה. אין דער שטאָט אַליין זיינען אויך אויפגעשטעלט געוואָרן אינדוסטריע־אונטערנעמונגען, וואו עס איז פאַראַן אַרבעט פאַר אַלעמען. בעת איך בין געווען אין ערד, האָט מען מיר אַפילו געזאָגט, אַז עס פילט זיך אַ דוחק אין אַרבעטער. אַז די ערד׳ער זיינען צופרידן פון זייער נייעם וואוין־אָרט זאָגט עדות דער פאַקט, וואָס אין ערשטן יאָר האָבן בלויז פיר משפחות פאַרלאָזן די שטאָט. און אין ביורא פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט מען מיר געזאָגט, אַז אויף דער ליסטע פון די, וועלכע האָבן זיך פאַרשריבן צו באַזעצן אין ערד, זיינען פאַראַן פופצן הונדערט קאַנדידאַטן

פון פאַרשידענע טיילן פון לאַנד. זיי דאַרפן וואַרטן אויף זייער רייע, ביז עס וועלן אויפגעשטעלט ווערן נאָך הייזער פאַר אַלעמען. אַזאַ גוטע רעפּוטאַציע האָט אָט די וואונדער־שטאָט אין מדבר שוין באַקומען אין גאַנצן לאַנד, בלויז אין משך פון איין יאָר צייט.

אויך דאָס קולטור־לעבן אין דער שטאָט איז שוין שטאַרק אַנטוויקלט. עס האָט זיך געשאַפן אַ מין סינטעז צווישן קיבוצישן און שטאָטישן אופן פון סאָציאַלן לעבן. פאַראַן אַ „מוזיקאַלישער קרייז״, אַ ספּאָרט־גרופּע און פאַרשידענע אַנדערע קלובן. און פּעאיקע און איבערגעגעבענע אָר־גאַניזאַטאָרן האַלטן אַן אויג אויף דער אַנטוויקלונג פון דעם נייעם, אינטע־רעסאַנטן ישוב.

***

האָב איך בעת מיין באַזוך אין ערד נישט נאָר באַוואונדערט דעם נס פון דער באַנייאונג פון דער ביבלישער שטאָט, נאָר איך האָב אויך געהערט וועגן דער הערלעכער צוקונפט, וואָס ווערט פאָראויסגעזאָגט פאַר אָט־דעם וואונדערלעכן ישוב אין מדבר.

אין דער געגנט פון ערד זיינען אויפגעדעקט געוואָרן גרויסע מינע־ראַל־אוצרות, וואָס וועלן געבן די מעגלעכקייט אויפצושטעלן דאָרט נייע כעמישע פאַבריקן. און די שטאָט ערד, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן און ווערט אַנטוויקלט מיט דער גרויסער הילף פון די ישראל־באָנדס איבערוועסטירונגס־געלטער, וועט מיט דער צייט ווערן אַ וויכטיקער אינ־דוסטריע־צענטער. פאַרשידענע ווערטפולע מינים פאָספאַטן וועלן אויס־געאַרבעט ווערן אין די פאַבריקן, פון די נאַטור־אוצרות, וועלכע זיינען געפונען געוואָרן אין דער געגנט: ניטראָ־פאָספאַטן, אַמאָניום־פאָספאַטן, פּאָטאַסיום־פאָספאַטן, קאַלציום־פאָספאַטן. ביז הונדערטער טויזנטער טאָן אַ יאָר וועט דערגרייכן די פּראָדוקציע פון די כעמישע מאַטעריאַלן. די פאַבריקן וועלן זיך באַנוצן מיט דעם נאַטירלעכן גאַז פון די רייכע זוהר־קוואַלן, אין דער געגנט, וואָס זיינען מיט אַ צייט צוריק אויפגעדעקט געוואָרן. און פאַר דעם טראַנספּאָרט און עקספּאָרט פון די הונדערטער טויזנטער טאָן כעמישע פּראָדוקטן אַ יאָר, ווערט אַפילו געפּלאַנט צו פאַרבינדן ערד דורך אַ דירעקטן שאָסיי מיט אַשדוד, וואו עס ווערט איצט געבויט דער נייער טיפער האַפן בײם מיטללענדישן ים.

אַזוי צעוואַקסט זיך דער נס פון ערד, די תנ״כ׳ישע שטאָט, וואָס איז אויפגעשטאַנען תחית־המתים אין דער באַנייטער אידישער מדינה.

סוף 1963

שיבת ציון אין אונזערע טעג

ווען איך האָב זיך אויף מיין נסיעה איבער איירָאָפּע און אין ישראל אַרומגעדרייט צווישן די נייע עולים, האָב איך געהערט דריי געשיכטעס, וועלכע עס איז כדאי צו דערציילן. איך גלויב — נאָכמער, איך בין איבערצייגט — אַז שפּעטער, אין יאָרן אַרום, וועלן אַזעלכע און ענלעכע געשיכטעס אַריינגענומען ווערן אין לערן־ביכער פאַר קינדער און אין ספרים פאַר דערוואַקסענע. דאָס זיינען געשיכטעס פון מסירת־נפש און העלדישקייט, וואָס דאַרפן און וועלן איבערגעגעבן ווערן פון דור צו דור. ווען מיר רעדן וועגן שיבת ציון אין אונזער צייט, האָבן מיר בדרך־כלל אַ גאַנץ בלאָס בילד פון דעם, וואָס עס קומט באמת פאָר און וואָס עס שפּילט זיך אָפּ אין אָט־דעם נייעם הערלעכן קאַפּיטל, וועלכער ווערט איצט אַריינגעשריבן אין די דברי הימים פון אונזער אייביק פאָלק. די דריי געשיכטעס, וואָס האָבן פּאַסירט און וועלכע וועלן דאָ געשילדערט ווערן, וועלן — גלויב איך — געבן אַ קלאָרערע פאָרשטעלונג פון דעם, וואָס עס געשעט איצט אויף די וועגן קיין ציון.

***

אין אַ לאַנד, פון וואַנען אַלע אידן האָבן שוין עולה געווען קיין ישראל, האָט מען זיך אין טאָג — מיט אַ לאַנגער צייט צוריק — אַרומגעקוקט, אַז איבער נאַכט איז אויסגעליידיקט געוואָרן אַ גאַנץ דאָרף. אַלע אידן זיינען פון דאָרט פאַרשוואונדן. ווי אַזוי האָט דאָס געקאָנט פּאַסירן? פאַראַן, געוויינ־לעך, אַ שטאַרקע שמירה, וואָס פלעגט באַוואַכן אַלע אַזעלכע ערטער, און אַרויסקומען פון דאָרט איז נישט געווען לייכט. אָבער עס האָט פּאַסירט. און נישטאָ מער קיין אידישער ישוב אין דעם דאָרף.

דערוויסט מען זיך אָבער, אַז איין אידישע משפחה איז נאָך דאָרט פאַר־בליבן. ס'איז געשען אַ סיבה, און די פאַמיליע האָט נישט געקאָנט מיטפאָרן צוזאַמען מיט דער גאַנצער עדה אידן פון דעם דאָרף. אָבער די משפחה רייסט זיך ווייטער עולה צו זיין קיין ישראל. גייט אַוועק אַ צייט, און אויך דער לעצטער איד אין דעם דאָרף קריגט אַ מעגלעכקייט אַוועקצופאָרן. נאָר וואָס דען? עס ווערט געבוירן נאָך אַ קינד אין דער משפחה. און די מעג־לעכקייט אַוועקצופאָרן איז געגעבן געוואָרן פאַר דעם טאַטן מיט דער מאַמען און פאַר כך וכך קינדער זייערע, דאָס ניי־געבוירענע עופעלע נישט אַריינ־גערעכנט. די משפחה וויל אָבער פאָרט עולה זיין. און דער טאַטע באַשליסט,

אַז ער וועט דאָס נײַ־געבוירענע קינד איבערלאָזן בײַ אַ נישט־אידישן שכן אין דעם דאָרף, אין דער האָפענונג, אַז ער וועט דאָס קינד קאָנען ברענגען שפּעטער קיין ישראל.

די משפּחה איז געבראַכט געוואָרן אין אַ טראַנזיט־אָרט פאַר עולים. און גלײַך ווי דער איד איז אַהין געקומען, האָט ער נישט געוואָלט זיך פאַרלאָזן מער אויף שפּעטער, נאָר האָט פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל אים תיכף ומיד ברענגען זײַן קינד, וואָס איז געבליבן אין דעם דאָרף. ער האָט געזאָגט — און געשריען — אַז ער וועט זיך ניט רירן פון אָרט, ביז דאָס קינד וועט נישט זײַן מיט אים. טאָג־פאַר־טאָג האָט ער געמאַכט קולות, אַז מען מוז אים ברענגען דאָס קינד, אויב נישט וועט ער זיך „אַ מעשה אָנטאָן״, און קיין ישראל וועט ער שוין נישט פאָרן — נישט ער, נישט זײַן ווײַב, און נישט די אַנדערע קינדער זײַערע.

אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? ווי ברענגט מען אים זײַן קינד — זײַן מיזיניקל? ס׳איז פּשוט געווען אוממעגלעך אין דער וועלט באַכצוקומען דעם פאַרלאַנג פון דעם אידן.

גייען ווייטער פאַרבײַ עטלעכע טעג, און איינער פון די יונגע, טײַערע בחורים, וואָס זײַנען זיך מטפּל מיט די עולים, פאַרשווינדט. מען ווייסט נישט וואו ער האָט זיך אַהינגעטאָן. ער האָט גאָר געהאַלטן בײַ חתונה האָבן. און מיטאַמאָל — ער איז נישטאָ. סוף־כל־סוף קריגט מען פון אים אַ ידיעה. ער האָט פאַרזאָרגט אַ „צעטעלע״ — „פּתק״, הייסט עס אין דער פּראָפעסיאָנעלער שפּראַך — אין וועלכן ער האָט געשריבן, אַז אין דער און דער נאַכט זאָל מען אָפּוואַרטן אויף דעם און דעם אָרט דעם אינטערנאַציאָנאַלן באַן־צוג, וואָס פאָרט דורך אין דער געגנט, מען זאָל מיטברענגען אַ קאָלדרע און אַ פלעשל מילך. ער וועט ברענגען אַ „מתנה״.

מען האָט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט. איצט האָט מען זיך שוין דערוואוסט, וואוהין דער זעלטענער בחור האָט זיך אַוועקגעלאָזט שטילערהייט, בסוד־סודות. ער איז אַוועקגעפאָרן אַרויסראַטעווען דאָס קינד פון דעם אידן. און ער האָט דאָס „שטיקל אַרבעט״ שוין אָפּגעטאָן.

האָט מען געטאָן, ווי דער בחור האָט מודיע געווען. אָבער עס איז פאַרבײַ איין נאַכט. דער אינטערנאַציאָנאַלער צוג איז דורכגעפאָרן, און מען האָט נישט געזען, נישט דעם בחור און נישט זײַן „מתנה״. און אויך אין דער צווייטער נאַכט האָט זיך קיינער נישט באַוויזן. עקשנות שפּילט אָבער אַ גרויסע ראָלע אין דער דאָזיקער אַרבעט. און אַז מען האָט ווייטער געוואַרט, האָט מען זיך דערוואַרט. אין דער פערטער נאַכט האָט מען געקראָגן די „מתנה״.

דאָס זויג־קינד איז געבראַכט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן טאַטע־

מאַמען, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעוויינט די אויגן, ביז זיי האָבן דערזען דאָס עופעלע. די משפּחה איז ווידער געווען גאַנץ. און אַלע האָבן זיי אין אַ גוטער און גליקלעכער שעה עולה געווען קיין ישראל.

איצט, ליבע לייענער מיינע, זאָל זיך אַביסל צעשפּילן אייער פאַנטאַזיע. עס וועלן פאַרביי יאָרן, דאָס קינד וועט אויסוואַקסן, וועט זיין אַ בירגער פון ישראל און אפשר איינער פון די גאָר בכבוד'יקע און באַרימטע, און ער וועט דערציילן זיינע אייגענע קינדער — און שפּעטער זיינע קינדס־קינדער — די געשיכטע, ווי אַזוי ער איז אויסגעלייזט געוואָרן און געבראַכט געוואָרן אין דער אידישער מדינה — אַ „מתנה" אין מיטן נאַכט, אין דער נאַכט פון לאַנגן גלות.

***

און איצט — אַ צווייטע געשיכטע. איין טאָג האָט איבער די גאַסן פון תל־אביב זיך געצויגן אַ לוויה, ביי וועלכער מען האָט געזען די מנהיגים פון לאַנד. קיינער פון די פאַרבייגייער האָט אָבער ניט געוואוסט, וועמען מען פירט מיט אַזוי פיל כבוד צו זיין לעצטער רו. דער נאָמען פון מת איז ניט אַרויס־געגעבן געוואָרן. און אויך אין די צייטונגען האָט מען דעם נאָמען ניט געפונען.

איצט קאָן מען שוין אויפדעקן די געהיימניש — האָט מען מיר געזאָגט אין ירושלים. דער מת האָט געשטאַמט פון אַ ווייטן לאַנד, פונוואַנען עס זיינען שוין אויך אַרויסגעפירט געוואָרן אַלע אידן. אין דעם לאַנד האָבן געאַרבעט שליחים צו אָרגאַניזירן די עליה, וואָס איז צוגעגאַנגען ביי די שווערסטע באַדינגונגען. איינער אַ תושב, פון די אַלט־איינגעזעסענע אידן אין דעם לאַנד, האָט געלאָזט וויסן די שליחים, אַז ער איז גרייט זיי צו העלפן. און ער האָט אַ סך, גאָר אַ סך געהאָלפן. ער האָט אַוועקגעוואָרפן זיינע אייגענע עסקים און געווען מיט אַלעם, וואָס ער האָט געקאָנט — און מער, וויפיל ער האָט געקאָנט — צו פאַרלייכטערן די חבלי עליה. ביז מען האָט דעם אידן געכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אין דער תפיסה אין דעם לאַנד. דאָרט האָט מען אים געפּייניקט און געמאַטערט, אַז ער זאָל אויסזאָגן ווער עס האָט צוזאַמען מיט אים געטאָן די מלאכה. אָבער דער איד האָט געשוויגן, און זיינע פּייניקער האָבן פון אים קיין איין וואָרט ניט געקאָנט אַרויסקריגן. פון די עינויים און נגישות איז אָבער דער איד שווער קראַנק געוואָרן. זיין מצב איז געוואָרן אַזאַ געפערלעכער, אַז מען האָט אים אַרויסגעלאָזט פון דער תפיסה און דער־לויבט אַוועקצופאָרן זיך היילן אין אַן אַנדער לאַנד, וואו עס זיינען פאַראַן גרויסע דאָקטוירים.

ער איז געלעגן אַ לאַנגע צייט אין אַ שפּיטאָל אין דעם לאַנד, און האָט פון דאָרט געשריבן בריוו, שילדערנדיק ווי אַזוי ער איז געפּייניקט געוואָרן מיט אַלערליי אַכזריות׳ן און איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, ניט דערציילנדיק גאָרניט. ליידער איז אָבער דער איד שוין ניט געקומען צו זיין געזונט און האָט אין דעם שפּיטאָל אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה.

מען האָט אים געבראַכט צו קבורה אין מדינת ישראל, ווי אַ קדוש. און ביים אָפענעם קבר האָט מען געלייענט די בריוו, וואָס ער האָט געהאַט געשריבן פון שפּיטאָל. אַמאָל־אַמאָל וועלן אויך אָט־די בריוו אַריינגיין אין אונזער גרויסער ליטעראַטור פון קידוש־השם.

***

נאָך איין מעשה שהיה.

אין אַ לאַנד, פון וועלכן עס זיינען שוין איצט אויך אויסגעלייזט געוואָרן אַלע אידן, האָט איינמאָל אין מיטן נאַכט אַן עדה אידן זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיפל און זיך אַוועקגעלאָזט צו די ברעגן פון ציון. אַזוי פלעגן אידן אָפט טאָן אין די נעכט אין יענעם לאַנד. אַ פּאָר שעה האָבן זיי געדאַרפט וואַרטן און זיצן שטילערהייט אויף די זאַמדן ביים ברעג, ביז דאָס שיפל איז געווען גרייט אָפּצושווימען. עס איז ניט געווען לייכט אויסצוהאַלטן די פּאָר שעה אין דער נאַכט, און מען פלעגט די עולים געבן עפּעס אַ לייכטן איבערבייס, אונטערצולעבן זיך דאָס האַרץ. דערנאָך, ווען דאָס שיפל האָט זיך אַ ריר געטאָן פון ברעג, פלעגט מען אויף־דער־גיך אויפראַמען אויף די זאַמדן, אַוועקנעמען די פאַרבליבענע מאכלים, אַז מען זאָל פאַרטאָג גאָרניט דער־קענען, וואָס עס איז דאָ געשען און וואָס עס איז דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן.

אַזוי האָט מען זיך אויך נוהג געווען אין יענער ליל שמורה. אָבער מיטאַמאָל האָט איינער פון די אויפראַמער דערפילט, אַז ער האָט אַריינגע־נומען אין דער האַנט עפּעס אַן אומגעוויינלעכע זאַך — ווייך, צאַרט, וואַרעם. ער טוט אַ קוק שטאַרקער, און ער דערזעט, אַז ער האַלט אין דער האַנט אַ קליין נפש׳ל, אַ פּיצל קינד, וואָס איינער פון די עולים האָט אין גרויס איילעניש פאַרגעסן און איבערגעלאָזן אין זאַמד.

דער בחור — איינער פון יענע טייערע, זעלטענע בחורים, וואָס זיינען זיך מטפל מיט דער עליה און מיט די עולים — האָט ניט געטראַכט קיין איין רגע, האָט אַרויפגעכאַפּט דאָס קינד אויף דער פּלייצע, צוגעבונדן דאָס נפש׳ל צו זיך מיט אַ שטריק — און זיך אַוועקגעלאָזט שווימען מיט אים. דער בחור איז געווען אַ גוטער, דערפאַרענער שווימער און ער האָט אַנגעיאָגט דאָס

שיפל מיט די עולים. מיט דעם סיגנאַל, וואָס ער האָט געגעבן, האָט זיך דאָס שיפל אָפּגעשטעלט, און דאָס קינד איז אַרויפגענומען געוואָרן.

און אַזוי איז געראַטעוועט געוואָרן אַ נפש אחת בישראל. אַזוי איז צוגעקומען נאָך אַ בירגער פון ישראל — וועלכער וועט אין יאָרן אַרום האָבן צו דערציילן זיין געשיכטע פון זיין עליה, פאַר וועלכער עס איז נאָך איצט ניט געפונען געוואָרן קיין נאָמען. די צווייטע, די דריטע, די פערטע, די פינפטע עליה? אַ סך, אַ סך העכער.

יאַנואַר 1965

א י נ פ אָ ר מ אַ צ י ע

וועגן אויסזיכטן און מעגלעכקייטן זיך איינצואָרדענען אין ישראל
ווי אויך בנוגע אַלע טעכנישע אַספּעקטן פון עליה
צו באַקומען אין

ISRAEL ALIYAH CENTER, Inc.

515 Park Avenue
New York, New York 10022
(212) PLaza 2-0600

REGIONAL OFFICES

CHICAGO, ILLINOIS
220 South State Street
(312) 922-5938

LOS ANGELES 4, CALIFORNIA
590 North Vermont Avenue
(213) NO 2-2181

ATLANTA, GEORGIA
805 Peachtree Street, N. E.
Room 635
(404) 872-1967

CLEVELAND, OHIO
13947 Cedar Road
Room 202
(216) 321-0757

PHILADELPHIA, PA.
1831 Chestnut Street
(215) 568-2678

Canada

MONTREAL 25, QUEBEC, CAN.
1247 Guy Street
(514) 931-1804

TORONTO 19, ONTARIO, CAN.
188 Marlee Avenue
(416) 787-6171